STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07453

GEZAMLTE VERK

Morris Winchevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָריס ווינטשעווסקי

געזאמלטע ווערק

רעדאקטירט פון קלמן מרמר

פארלאג „פרייהייט“
ניו יאָרק, 1927

COPYRIGHT 1927
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

490 געדרוקט ביי די אסטאריא פרעס, 61 א. 4טע גאס, ניו יארק

צווייטער באנד

לידער

פאָרוואָרט

דעם 26טן אָקטאָבער, 1927, ווערט פופציק יאָר ווי מאָריס ווינטשעווסקי האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין אידיש.

פריער, זינט 1874, האָט מאָריס ווינטשעווסקי, אָדער בן-נץ *), געדרוקט בלויז העברייאישע לידער. זיין ערשט ליד אין אידיש איז געווען א טייל פון א פעליעטאָן „דער גרענדע פירער", געדרוקט אין ראדקינסאָנ'ס וואכנבלאט „קול לעם" (פאָלקשטים) פון 26טן אָקטאָבער, 1877, אין קעניגסבערג, פרייסן. דאָס ליד, אונטערגעשריבן „בן-קאָוונע" (א קאָוונער), האָט געשילדערט די אומצופרידענע מאסן פון זיין שטאָט ווי בלויז „בריות אין ריידן":

„זיי זיינען נאָר אלע גבורים אין רעדן,
אָבער פליגן אין טאָן:
זיי מיינען מען קען יסורים פארריידן,
פארריידן א שלעכטן צאָן!

ניין, מיינע ברידער, איר זייט אין טעות,
אין טעות, אויף מיינע נאמנות!
צו א שלעכטן צאָן העלפט קיין המצאות,
רייסט ארויס אָן רחמנות!

אָבער כל זמן איר גייט מיט סבלנות
וועט קיינמאָל ניט ווערן אַן ענדע:
ביי די באריסענע בלייבט די קבצנות,
און ביי ש—קן די גרענדע".

זינט יענער צייט האָט מאָריס ווינטשעווסקי געשריבן א סך אידישע לידער. נאָר דרוקן זיי האָט ער אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אידיש, „דער פוילישער אידל" (לאָנדאָן, 1884).

---

*) די אָנהויב און סוף בוכשטאָבן פון זיין היימישן נאָמען בן-ציון נאָוואכאָוויץ.

מאָריס ווינטשעווסקי'ס לידער פון די ערשטע צען יאָר (1884—1894) זיינען מיט ווייניק אויסנאַמען געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער אויסגאַבן („פּוילישער אידל" און „צוקונפט" — אונטער זיין אייגענער רעדאַקציע; „אַרבעטער פריינד" — רעד. פון פיליפּ קראַנץ, ק. גאַלאָפּ; „פרייע וועלט" — רעד. פון ק. גאַלאָפּ, און „וועקער" — אונטער זיין אייגענער רעדאַקציע). די איבעריקע לידער זיינען מיט ווייניק אויסנאַמען געווען געדרוקט אָדער געשריבן אין אַמעריקע.

צו די לידער פון דער לאָנדאָנער עפּאָכע האָב איך כמעט אומעטום אָנגעגעבן וואו און ווען זיי זיינען געווען געדרוקט. צו די אַמעריקאַנער לידער האָב איך, צוליב טעכנישע סבות, דאָס נאָך ניט געקאָנט דורכפירן גרינטלאַך. אויב מעגלאַך וועלן די אויסגעלאָזענע אָנמערקונגען ווערן געגעבן אין אַן אַנדער באַנד, וואַרשיינלאַך אין דעם באַנד פאַבלען, עפּיגראַמען א. א. וו.

ביי דער אויסוואַל פון די לידער האָב איך זיך גערעכנט מיט דער מיינונגג, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי האָט אויסגעדריקט אין די „נאָטיצן" צו זיין באַנד „לידער און דיכטונגען" (פאַרלאַג מייזעל עט קאָ., ניו יאָרק, 1910). ער האָט דאָרט דערקלערט, אז די „מאַרסעליעזע" האָט אים פּערזענלאַך קיינמאָל ניט באַפרידיקט, נאָר „אין איר איצטיקער פאָרם איז זי אַזוי גוט באַקאַנט", אַז ער האָט „ניט קיין מוט איר צו שטאַרק צו ענדערן". כ'האָב אָנגעווענדט דעם זעלבן כלל פאַר יענע אַלע לידער, וואָס ווערן, אָדער זיינען געוואָרן געזונגען פונ'ם פאָלק. צוליב אָט דעם מאָטיוו זיינען אין אַזוינע לידער אויך געבליבן אַ טייל דייטשמעריזמען פון יענער עפּאָכע.

ענדערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן מיט'ן דיכטער'ס הסכמה. די באַמערקונגען זיינען פון דער רעדאַקציע.

קלמן מרמר.

ניו יאָרק, 10טן פעברואַר, 1927.

לידער וועגן לידער

מיינע פאָלקסלידער

פון אידישע ווערטער, אַלט-מאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע
פאַרפאַס איך מיין פּראָסטן געזאַנג.
דאָך מאַך איך די לידער צום זינגען ניט,
אַ זיפץ איז פאַר זיי האַרמאָניע,
דאַרום מאַכט ניט אויס אויב זיי קלינגען ניט
און אויב אין זיי פעלט מעלאָדיע.
די לידער פאַרפאַס איך ניט מיינענדיק
אַפילו ניט איין אויגנבליק,
אַז חוץ ווער עס קען זינגען וויינענדיק,
זאָל אויפפאַסן זייער מוזיק.
זיי זיינען דער אָפּקלאַנג פון טעגלאַכע,
פאַרשטיקטע געשרייען פון פאָלק;
דאָס מאַכט די מוזיק פאַר אַ קלעגלאַכע,
דעם טעקסט פאַר אַ זיפץ אָן אַ טאָלק.
און בלייבן זיי אויך ניט געזונגענע,
אָ, גלויבט מיר, איך בין אויף זיי שטאָלץ,
זיי שרייבט ניט אַ פען אַ פאַרדונגענע,
איר האַלט ניט אַ הענטל פון האָלץ.
ווי לאַנג נאָך די קנעכטשאַפט ועט דויערן,
ווער ווייס, אָך, ווער ווייס נאָך ווי לאַנג?
איך ווייס נאָר אַזוי לאַנג וועט טרויערן
מיין ליד מיט זיין טרויער-געזאַנג.

„פרייע וועלט“, אָקטאָבער, 1891.

לידער פאַר מיר...

לידער פון ליבע, פון לעבן, פון לוסט,
לידער פון פריידיקע, בלענדענדע שטראַלן,
הילכן ניט אָפּ אין מיין ליידנדער ברוסט,
וואַרפן ניט ליכט אויף דעם אָרט וואו זיי פאַלן.

לידער פון בשמים, פון בלעטער, פון דופט,
לידער פון ליבלאַכע פרויענגעשטאַלטן,
בלייבן ביי מיר ווי דער קול, וועלכער רופט
דאָרטן וואו כאַאָס און עגדעשן שאַלטן.

לידער פון שטערן אין הימל ביי נאַכט,
לידער פון הערלאַכקייט אין דער נאַטור.
לידער פון גרעזעלאַך, קוויטעלאַך, פּראַכט
גייען מיין אויער פאַרביי אָן אַ שפור.

* *

לידער געזונגענע מיט אַ געוויין,
לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,
לידער פון פאָלקס-ליידן — נאָר די אַליין,
האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג;

נעמען געפאַנגען מיין אויער, מיין ברוסט,
דרינגען אַריין אין מיין האַרץ, מיין נשמה,
און איך אַליין זינג מיט ליבע, מיט לוסט
לידער פון קאַמף, פון טריאומף, פון נקמה.

.1891

טרויעריקע מוזיק

די וועלט מעג זיך זיין אַ מוזיק־אינסטרומענט,
פון וועלכן אַ שפּילער — אַ קענער,
קען מיט מוזיקאַליש געבילדעטע הענט
אַרויסברענגען לוסטיקע טענער.

דאָס קען (אויב ער קען) נאָר דער קינסטלער אַליין
און איך בין אַזאַ מוזיקאַנט ניט:
ביי מיר ווערט פון אַלערליי טענער געוויין
צו פריילאַכע האָב איך קיין האַנט ניט.

פאַר מיר איז די וועלט אַ מוזיק־אינסטרומענט
מיט סטרונעס דורכגעווייקטע פון טרערן;
און וואו איך דערלאַנג נאָר אַ ריר מיט די הענט,
לאָזט גלייך זיך אַ טרויער־קלאַנג הערן.

„פרייע וועלט“, פעברואַר 1892.

פרנסה און פּאַרנאַס

זי גיט מיר קיין הכנסה ניט
מיין מוזע, שוואַך און בלאַס:
איך זוך גאָר קיין פּרנסה ניט
אויפ׳ן אידישן פּאַרנאַס.

איך טו דערפאַר מיין מוזע ניט
קיין פרומען שלייער אָן,
זי דאַרף קיין שוואַרצע בלוזע ניט,
קיין שוואַרצן קאַפּישאָן.

זי בלאָזט ביי מיר קיין שופר ניט,
זי ציט ניט קיין שום גלאָק,
און זוכט פאַר זיך קיין קויפער ניט,
וואָס טראָגט אַ שוואַרצן ראָק.

זי זוכט קיין „טשין״, קיין „אָפּיס״ ניט,
זי בליקט ניט הויך, ניט ווייט;
זי זינגט קיין שום מה־יפית ניט
פאַר איינפלוסרייכע לייט.

איך ברענג דערפאַר מיין ליבע ניט
פאַר קלינגערס אויפ׳ן גאַס;
איך זינג דערפאַר קיין שירה ניט
על מנת לקבל פרס.

די מוזע און דער מוז

ציימנווייז שטיי איך אַזוי ווי דער לייטער
און חלום ביי יעקב אבינו אין לוז:
הויך אין די וואָלקנס דער קאָפּ דער צעדרייטער,
די פּיס אין דער ערד, אָפּט אין זומפּ מיט איין פוס.

ס'שטייגן צום הימל די שטאָלצע רעיונות,
געדאַנקען געפליגלטע, שטראַלן פון ליכט;
קומען אראָפּ — אַך! אַ זומפּ פון חשבונות
באַזידלט מיט קויט זייער געטלאַך געזיכט.

דאַן אין דעם רוישענדען, ברויזענדען שטורעם
ווערן זיי ווידער געלייטערט ביי מיר;
גיסן, געזויבערט, זיך אוים ווי פון פורעם,
שטייגן צום הימל צוריק מיט אַ שיר.

און אַזוי שטיי איך ווי יעמאָלט אין חלום
דער לייטער ביי יעקב אבינו אין לוז:
ער האַלט צונויף זיי און ס'לעבן בשלום
מיין הימלישע מוזע, מיין זומפּיקער מוז.

„דאָס נייע לאַנד" 14, ערשטער יאָרגאַנג, דעצ. 1911.

איך לעב די פּאָעזיע

אָ, איך לעב די פּאָעזיע,
וואָס פעדערן באַשרייבן:
איך לעב אין איר, אין מיר לעבט זי,
זי מיט איר הימל-מעלאָדיע,
מיט איר גן-עדן האַרמאָניע,
זי, מיט די טענער, וואָס פאַרבלייבן
הויך אין דער לופטן, קלאָר און לאַנג,
נאָך דעם אַנטשוויגענעם געזאַנג.

די פּאָעזיע פון זיג אָן קריג
ביי שטרייטנדע נשמות:
די פּאָעזיע פון קריג אָן זיג
אין בלוטיקע מלחמות;
די חבלי לידה פּאָעזיע
געפלוכט פון אשמדאי׳ס לעגיאָנען,
די חבלי לידה פּאָעזיע
געבענטשט פון פרייהייט׳ס מיליאָנען:
אָט די געבורטס-שמערץ פּאָעזיע,
ווען ס׳גייט די אַלטע וועלט צוקינד
מיט „אָך און וויי!" מיט „וויי און ווינד!"
און ס׳ווערט אַ נייע וועלט געבאָרן
באַגריסט פון ענגעל-כאָרן, —
איך לעב די פּאָעזיע פון לייד,
פון שמערץ, וואָס ברענגט די פרייד.

יא, איך לעב די אַלטע פּאָעזיע,
וואָס רוט אין טויזנטער ביכער-קברים;
דורך איר לעב איך, אין מיר לעבט זי,
זי זעט זיך אָן אַ פעדערשטריך,
אָן גלאָקנקלאַנג דערהערט זי זיך.
אָן תקיעות, תרועות, שברים,
איר ריטם שטאַמט ניט פון קיין הענט,
מיין דופק גיט איר דעם אַקצענט.

ארבעט און נויט

אמת׳ע ליבע

פרעגט ביי מיר וואָס ליבע הייסט,
אויב איר ווילט עס וויסן;
און אַפילו אויב איר ווייסט,
פרעגט אום מער צו וויסן.
ליבע הייסט ניט געבן פ י ל
ליבע הייסט ז י ך געבן —
ווען זי איז דער צוועק, דער ציל
פון אַ גאַנצן לעבן.
ליבע הייסט אויך ניט אַליין
געבן זיך מיט ווילן,
דען זי מוז, ווען זי איז ריין,
טאָן דאָס און ניט פילן.
און ניט ליבע צו אַ פרוי
וואָס קען ווערן קעלטער:
אַך, די בלאָנדע ווערן גרוי,
און די יונגע — עלטער.
ליבע הייסט: דעם פאָלק מיט פרייד
לייב און זעעל דערלאַנגען,
געבן זיך, אָן הויכע רייד
און קיין לוין פאַרלאַנגען.
זי, זי גופא איז דער לוין
קיין געצאָלט חוץ א י ר נ י ט.
ברידער, פּרוּווט דאָס אוים אַליין,
טאָמער גלויבט איר מיר ניט.

לאָנדאָן, 1891.

צום אַרבעטער

איך האָב דיינע פריידן באַזונגען,
דאָך מער דיינע ליידן באַקלאָגט;
איך בין אין דיין האַרצן געדרונגען,
צו זען, אויב דער פולס דיינער שלאָגט;

צו זען אויב דו ביסט ניט אַ טויטער,
וואָס וואַנדלט אַרום אין דער נאַכט,
און אויב אַ בלוטס-טראָפּן אַ רויטער
איז דאָ אין דיין קערפּער אָן מאַכט;

צו זען, אויב דו פילסט דיינע קוואַלן
און אויב דו באַגרייפסט גאָר דיין נויט,
צי ביסטו ניט ווירקלאָך פאַרפאַלן
אין טויט, ניט געשטאָרבענערהייט.

אומזיסט בין איך דעננאָך געווען
פאַרטיפט אין דיין אָרעמע האַרץ,
איך האָב דאָרין גאָר ניט געלעזן:
אָך, דאָרטן איז טונקל און שוואַרץ!

„פרייע וועלט", אָקטאָבער, 1891.

* *
*

אָ, טוליע מיך צו צו דיין וואַרעמער ברוסט,
אָ, טוליע מיך צו, ליבער ברודער!
מיר שווידערט פאַר קעלט און מיך מאַטערט דער הוסט,
מיך קוועלט אַט-דער קאַלטער גערודער.

איך בין אין אַ שטרודל, וואָס ברויזט ווי דער ים,
וואו אַלץ וואָס צאַרט איז גייט אונטער;
איך בין אין אַן אָרט, וואו מען זויגט איין אַ סם,
צו בלייבן אַ וויילינקע מונטער.

דער גיפטיקער שטרודל איז מורא׳דיק שטאַרק,
וואָס קען געגן אים טאָן אַ קראַנקער?
מיין שיפעלע וואַנקט און דער ווינט ברעכט מיין קאַרק,
אָ, ברודערל, זיי דו מיין אַנקער!

און, ברודער, די קעפּ אַרום מיר זיינען פּוסט,
די הערצער — זיי דופּטן ווי לודער...
אָ, טוליע מיך צו צו דיין וואַרעמער ברוסט,
אָ, טוליע מיך צו, ליבער ברודער

„פרייע וועלט“, אָקטאָבער, 1891.

אַ חודש אָן אַרבעט

איך בעט ניט נדבות
פון וועגן זכות-אָבות,
פאַרהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
ניט בעטלען, ניט שנאָרן,
צו קצינים ניט פאָרן,
ניט וואַרטן אויף רייכע לייט׳ס טויט.

מיר פעלט די חריפות
אין שנאָרערשע חניפות
די דריידלאַך, די קונציקע רייד;
די אויגן צו גלאָצן
ביים טיש פון אַ קצין,
דערצו בין איך ווייניק געשיידט.

איך בעט ניט ביי קיינעם
אַ טיטל אַ שיינעם,
איך וויל קיין מורנו ניט זיין:
איך וויל אַ באַוואוסטער
אַלס ערלאַכער שוסטער,
אַלס ערלאַכער שניידער נאָר זיין.

איך בעט ניט קיין שלישי,
קיין מפטיר, קיין ששי,
איך וויל ניט אין מזרח-וואַנט שטיין;
אויף נאַרישע גאווה
בין איך קיין בעל-תאווה,
מיין שטאָלץ איז מיין האַנדווערק אַליין.

נאָר אַרבעטן וויל איך,
פאַרקויפן אייך ביליק
מיין פראַצע, פון פּנים דעם שוויים;
נאָר קויפט עס געשווינדער,
מיין ווייב, מיינע קינדער —
אויף זיי דער רחמנות איז גרויס.

די נאָדל, דער הובל,
זיי שאַפן דעם רובל,
זיי שאַפן דעם שילינג, דעם פראַנק;
דער שניידער, דער סטאָליער,
ווען אויך ניט קיין פוילער,
פאַרהונגערט ווען ער ווערט נאָר קראַנק.

* *
*

איך בעט ניט נדבות
פון וועגן זכות־אָבות,
פאַרהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
פון אַרבעט נאָר רייד איך,
איך וויל ניט גיין ליידיק,
באַפרייט מיך דורך אַרבעט פון נויט.

דער „פּוילישער אידל“, 31טן אָקטאָבער, 1884.

אין סלעק-צייט

די פייגעלע — זי הונגערט אין איר שטייגל,
די הינדעלע זוכט גערשטן און געפינט ניט,
די בלימעלע גייט אונטער אויפ׳ן צווייגל, —
אָך, זייער בעל-הבית, נעבאָך, פאַרדינט ניט.

אין וויגעלע דאָס קינד ניט געגעסן:
די מאַמע׳ס מילך איז מיט אַמאָל אַוועק היינט;
די מיידעלע, די עלטערע בעט עסן, —
אָך, ליבסטע, אייער ברויט-געבער האָט סלעק היינט.

און מער איז אין קאַמין ניטאָ קיין קוילן,
די בעטן — אין זיי זעען זיך די ברעטער,
פאַרמאָרעט ליגט זיך יעדערער אויף הוילן,
ווייל, חוץ די נויט, איז לאַנג שוין אַלץ ביים פעטער.

דערפאַר איז פוסט ביים פייגעלע אין שטייגל,
דערפאַר האָט איצט אַ קינד ניט וואָס צו עסן,
דערפאַר פאַרוועלקט דאָס בלימל אויפ׳ן צווייגל,
פון אַלעמען פאַרלאָזן און פאַרגעסן.

1891.

דאָס ליד פונ׳ם העמד

Thomas Hood's
SONG OF THE SHIRT

(פריי איבערזעצט אויס דעם ענגלישן)

מיט מאָגערע פינגער, דאַר און אויסגעדרייט,
מיט אויגן, וואָס זיינען פון אַרבעט שוין בלינד —
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין לומפּן געקליידט,
און וואַרפט מיט׳ן נאָדל און פאָדים געשווינד,
שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער, אין דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ רירנדער שטים אין דער הויך,
זינגט זי דאָך דאָס ליד פונ׳ם העמד.

„איך ניי — ניי — ניי!
נאָך איידער דאָס קרייען פון האָן איז צו הערן!
און ניי! אָבער ניי — ווידער ניי!
ביז איך זע דורך די לעכער אין דאַך שוין די שטערן.
מיר דאַכט זיך, עס קען ניט זיין ערגער אַ קנעכט,
וואָס אַרבעט אַלס שקלאַף ביי הײדן, ביים טערק;
מיר דאַכט זיך, עס קען אים ניט זיין אַזוי שלעכט,
ווי מיר איז ביי דיזן אוממענטשלאַכן ווערק!

„ניי! פּראַצעווע — האָרעווע — ניי!
ביז איך קען מיין קאָפּ ניט דערלאַנגען אַ דריי!
און ניי! אָבער ניי — ווידער ניי!
ביז מיינע געשוואָלענע אויגן טוען וויי.
די מערלע, דער זוים און די באַנד,
איך פאַל אויפ׳ן נאָז מיט די קנעפּלאַך אין האַנד,
און ניי זיי, עס דאַכט זיך מיר, אָן אין אַ טרוים.

אָ, מענטשן! אויב איר האָט אַ שוועסטער, אַ ווייב,
אַ מוטער, ווען אייך האָט דאָס שיקזאַל געגעבן,
זייט וויסן, איר טראָגט ניט אוים די וועש אויפ'ן לייב —
איר טראָגט אויף זיך מענטשלאַכע לעבן!

שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער, אין שמוץ, פאַר דער גאַנצער וועלט פרעמד,
ניי איך מיט אַ דאָפּעלטן פאָדים: פאַר זיך
תכריכים — פאַר אַנדערע מענטשן אַ העמד.

„נאָר ווי איז דער טויט אויף מיין רעיון אַרויף?
דעם מלאך המות'ס געשטאַלט — אַ סקעלעט, —
ווי קען עם מיך שרעקן, ווען מיין אייגענער גוף
איז זעלבסט נאָר אַ ביינערגעשטאַלט, ווי איר זעט?
נאָר ביינער אַ הויפן, גענוי ווי דער טויט:
איך פאַסט אַזוי אָפט, און בין ניט ואיסגערוט.
אָ, הימל! עס זאָל אַזוי טייער זיין ברויט,
עס זאָל אַזוי וואָלוול זיין פלייש און בלוט!

„ניי! פּראַצעווע — האָרעווע — ניי!
צום אַרבעטן בין איך קיינמאָל ניט צו שוואַך,
און וואָס איז דער לוין פאַר מיין פראַצע? פון שטרוי
אַ בעט, אַ שטיק טרוקענע ברויט, דער צובראָכענער דאַך,
אַ קאָדער ביים לייב, אָט-דער טיש מיט'ן שטול,
פיר ווענט, וועלכע זיינען אַזוי פּוסט און בלאַנק,
אַז ווען זיי מאַכט עפּעס נאָך צייטנווייז פול —
דערפאַר קומט מיין אייגענעם שאָטן אַ דאַנק!

„איך ניי! אָבער ניי! ווידער ניי!
פון מאָרגן ביז שפּעט אין די פינסטערע נאַכט;
ניי! פראַצעווע — האָרעווע — ניי!

פונקט ווי אַ פאַרברעכער אין טורמע פאַרמאַכט:
די באַנד און די מערלע — דער זוים,
די מערלע, דער זוים און די באַנד!
ביז איך פיל מיין קאָפּ אויף די שולטערן קוים,
מיין מוח פאַרווירט איז, און שוואַך איז מיין האַנד.

„ניי! פּראַצעווע, האַרעווע — ניי!
ביים פינסטערן ליכט פון דעצעמבער טומאַן;
און ניי! אָבער ניי — ווידער ניי!
אים ליבלאַכסטן מאַי וואָס איז ערגעץ פאַראַן.
ווען אונטער'ן דאַך אין איר נעסט זיצט די שוואַלב,
און ווייזט מיר פון וויטן די ליכטיקע זון, —
זי ווייזט מיר דעם פרילינג און פרעגט מיך וועסטהאַלב *)
איך זע דאָס אַלץ צו און געניס ניט דערפון.

„אַ, איינמאָל נאָך שעפּן וואָלט איך פרייע לופט,
וואו ראָזען און ליליען — ליבלאַך און זיס —
געפינען זיך דאָרט, וואו די פייגעלע רופט!
דעם הימל פון אויבן — גראָז אונטער די פיס...
נאָר איין קורצע שעה דאָרטן זיין פאַר'ן טויט,
צו שלינגען די לופט, וואו אַ ווינטעלע בלאָזט;
ווי דאַן — ווען מיר פרעמד איז געוועזן נאָך די נויט,
איידער אַ שפּאַציר האָט אַ מיטאָג געקאָסט.

„אַ, איין קורצע ווײַלינקע בעט איך נאָר היינט,
אויף איין קורצע שטונדע צו ווערן באַפרייט —
ניט האָפנונג צו זוכן, ניט ליבע פון פריינט,
מיין האַרץ אויסצואוויינען פאַרלאַנג איך נאָר צייט.
אַ ביסעלע וויינען, נאָר עטלאַכע טרערן

*) פאַרוואָס.

וואָלט גרינגער געמאַכט מיין צובראָכענעם הערץ.
איך טאָר אָבער נאָדל און פאָדים ניט שטערן
דורך וויינען — אַפילו צו שטילן מיין שמערץ.״

* *

מיט מאָגערע פינגער, כמעט אויסגעדרייט,
מיט אויגן, וואָס זיינען פון אַרבעט שוין בלינד,
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין קאָדרעס געקליידט
און וואַרפט מיט׳ן נאָדל און פאָדים געשווינד.
שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער און דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ רירנדער שטים, אין דער הויך
זינגט זי ד אָ ס ל י ד פ ו נ ׳ ם ה ע מ ד.

„פּוילישער אידל״, 29טן אויגוסט 1884.

ביינאַכט אין שטאָט*)

איר לעמפּעלאַך, לאַמטערנעלאַך,
דערציילט מיר, וואָס ביינאַכט,
זיך שטייענדיק און ברענענדיק,
איר צייטנוויַיז באַטראַכט.
דען אַלע נאַכט, באַלייכטנדיק
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איר איצט האָבן, רעכן איך,
אַ קלאָרן, שאַרפן קוק.

* *
*

האָט איר געזען אַ בחור׳ל,
פאַרהונגערט און פאַרשמאַכט,
דאָ גייענדיק און זוכנדיק
די גאַנצע ליבע נאַכט, —
זיך זוכנדיק אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולייגן אויסרוהען ? —

די לעמפּעלאַך זיי ברענען זיך,
באַלייכטן יעדעס הויז ;
צי זעען זיי, צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

האָט איר געזען ביים האָספּיטאַל
אַ מיידעלע ביים טיר ?
מיט רויטע אויגן, שרייענדיק :
„אַי, וויי צו מיר !"

---

*) די פאָרם איז גענומען פון אַ רוסישן געדיכט.

איר טאַטע ליגט אַ גוסס'ער,
פינף קינדער שרייען: „ברויט!“
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאַ:
זי איז שוין דריי יאָר טויט.

האָט איר געזען, איר לעמפּעלאַך,
שפּאַצירנדיק אין גאַס,
אַ האַלב צומישטן אַלטן מאַן,
שוואַך, הונגעריק און בלאַס?
אַמאָל האָט אָט-דער אַלטינקער
געמאַכט פון יאָר צו יאָר
אַפולע מענטשן לאַכנדיק
אַלס לוסטיקער אַקטיאָר.

די לעמפּעלאַך זיי ברענען זיך,
דרויף זיינען זיי געשטעלט;
נאָר וויסן פון זיי קענט איר ניט
וואָס טוט זיך אין דער וועלט.

די לעמפּעלאַך זיי ברענען זיך,
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זעען זיי, צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

„פּוילישער אידל“, 12טן סעפּטעמבער, 1884.

דער יתומ׳ל

איך האָב פּאַר עטלאַכע וואָכן געטראָפן
א קליינעם אינגל פון צען ביז עלף יאָר:
שמוציק, האַלב-נאַקעט איז ער זיך געלאָפן,
און האָט געהאַט ביי זיך קעסטלאַך א פּאָר.
לויפנדיק האָט ער פאַרלאָרן א שלורע,
און האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט נעבן מיר.
„אינגעלע — זאָג איך — ווער האָט דאָס די צורה
אָנגעריכט פונקט ווי מיט סאַזשע ביי דיר?
וואַשן זיך מוז מען אַפילו אין נויט!"
אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
„וואַשן זיך? . . . איך מוז פאַרדינען מיין ברויט!"

זייענדיק איינער פון די בני-רחמנים,
האָב איך דאָס קינד אין א קוכשאָפּ געפירט;
האָב שוין ניט ווייטער גערעדט אָרום פנים,
אָבער אַנאַנדער פונקט האָב איך באַרירט:
„זאָג-זשע מיר, פרעג איך, ווען דו וועסט אַלץ לויפן
גאַנצענע טעג וועגן מ ס ח ר ווי היינט,
ווען קענסטו לערנען אין שול אויף דעם אופן?
דו בלייבסט דאָך אומוויסנד, מיין יונגער פריינט;
לערנען — דאָס מוז מען אַפילו אין נויט!"

אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
לערנען גיין? . . . איך מוז פאַרדינען מיין ברויט!"

איך בין פאַרטיפט אין געדאַנקען געזעסן,
טראַכטנדיק ווי אים צו געבן פאַרשטיין,

אַז ווען אַ מענטש דענקט ניט מער ווי פון עסן
איז ער ניט ווערט אויף „גאָט׳ס ערד“ צו גיין.
„ווען דו בלייבסט אומווינסנד — בלייבסטו אַ בלינדער;
דו ווערסט געשטרויכלט און ווייסט ניט אָן וואָס...
בעסער ניט אויפוואַקסן מעגן די קינדער,
וועלכע נאָכהער ווערן שונאים דעם שלאָף;
ערלאַך, מיין קינד, מוז מען זיין אויך אין נויט!
אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
„ערלאַך זיין? . . . איך מוז פאַרדינען מיין ברויט!“

„צוקונפט“ (לאָנדאָן), 16טן יאַנואַר, 1885.

אַן ערלאַכע באַטריגערין

זי נאַרט אָפּ מיט מילך־זופּ איר מאַגן,
די פּיס — מיט צעריסענע שיך;
דאָך וועט זי אַ ליגן ניט זאָגן;
די אָרעמע נאַרט מער ניט זיך.

זי נאַרט אָפּ איר גוף מיט אַ טראַנטע, —
איר לייב מיינט, אַז דאָס איז אַ קלייד;
זי נאַרט אירע פריינט און פאַרוואַנדטע
מיט כלומר'שט צופרידענע רייד.

און דאָך רעדט זי זעלטן און ווייניק,
און קיינער באַגרייפט ניט —
אַז טיף אין איר ברוסט, אינווייניק,
וואַקסט לאַנגזאַם אַ גרויסער געשוויר.

מען מיינט, אַז זי האָט ניט קיין שכל;
מען מיינט, אַז עס פעלט איר געפיל;
מען זעט ניט איר ביטערן שמייכל,
וואָס רעדט ניט און זאָגט אַזוי פיל.

דער „פּוילישער אידל", 31טן אָקט., 1884

אַ מיידעלע אין דער סיטי *)

לעבן דער בערזע, דעם טעמפּל פון שווינדל,
זע איך טאָג טעגלאַך אַן אָרעמעס קינד,
שטייענדיק רואיק און שטיל ווי אַ הינדל,
נאָענט פון אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז בלינד;
שוועבעלאַך טראָגנדיק,
שטילערהייט זאָגנדיק,
בעטנדיק: „קויפט ביי מיר מעטשעס,**) מיין הער!
"Two boxes a penny, one penny the pair!" ***)

דרויסן מעג רעגענען, דונערן, בליצן,
זי שטייט גאַנץ רואיק, טוט זיך ניט אַ קער;
זאָרגט נאָר: אַט קען נאָך דער רעגן באַשפּריצן
איר ביסל סחורה און דאגה'ט ניט מער;
שטעלט אוים די קליינינקע,
שוואַכינקע, שיינינקע
הענטעלע בעטנדיק: „קויפט מעטשעס, סער!
"Two boxes a penny, one penny the pair!"

ווייס זי פון עלטערן, שוועסטער און ברידער?
ווייס זי וואָס פריינטשאַפט, וואָס ליבע באַטייט?
האָט זי אַ היים, וואו איר גוף, אירע גלידער

---

*) דער געשעפטסטייל פון לאָנדאָן. אַמאָל איז דאָס געווען די גאַנצע שטאָט (סיטי).

**) שוועבעלאַך.

***) „צוויי קעסטלאַך אַ פּעני, איין פּעני אַ פּאָר!"

קענען זיך אויסרוען — ווען זי האָט צייט?
אָדער ווי ראָלאַנד היל
שלאָפט זי אין קאָרן־היל? *)
זאָגט זי ניט, בעט־זיך נאָר: קויפט מעטשעס, סער!
"Two boxes a penny, one penny the pair!"

מעקלערס, קאַנטאָרשטשיקעס, גאַנצע חיילים,
לויפן אַהין און צוריק ווי פאַר'סמ'ט;
צאַפּלען זיך לויפנדיק ווי טייוואָלים,
אויסרופנדיק אַלע ווײַלע: „פאַרדאַמט!"
לויפנדיק, גייענדיק,
צייטנווייז שטייענדיק,
זעט זי זיי, בעט זי זיי: קויפט מעטשעס, סער!
"Two boxes a penny, one penny the pair!"

זי האָט פאַר רעגנס, פאַר פּאָגעס ניט מורא,
אָבער ווי לאַנג בלייבט אַ גאַס־קינד געזונט?
אָט קומט די אויסצערונג — און איר סחורה,
וואָס זי היט מער ווי איר לעבן אַצונד,
טראָגט שוין אַנאַנדערער
קליינער שטאָט־וואַנדערער,
פונקט ווי זי שרייענדיק: קויפט מעטשעס, סער!
"Two boxes a penny, one penny the pair!"

„צוקונפט" (לאָנדאָן), 27טן מערץ, 1885.

---

*) אַ מאָנומענט פון סער ראָלאַנד היל, וואָס האָט אײַנגעפירט די פעני־סטעמפ פאַר בריוו אין דער ענגלישער מדינה, געפינט זיך אין קאָרן־היל גאַס.

אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט

וואָס טוען צוויי עופ'עלאַך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלאַך אייז און די פיסעלאַך נאַס,
די ליפּעלאַך בלוי און די בעקעלאַך בלאַס;
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
זייער היים? זייער היים בין איך — זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואו גייען צוויי קינדערלאַך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינד?
וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט?...
יתומים'לאַך? נעבאַך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
געוויס — זאָגט די גאַס — איך בין זייער פריינט
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינד.

וואָס בלייבן זיי שטיין מיט אַמאָל דאָ אַליין,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען צו אָרעם, צום בעטלען צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלאַך צו גנב'ענען גיין,
וואו קריגן זיי עסן אָן געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס, אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

„אַרבעטער פריינד", 1טן פעברואַר, 1889.

די אָרעמע מאַריע

עלנטע מאַריע, אומגליקלאַכס קינד —
וואַונדערבאַר ווי איר פאַרפאָלגן די הינט,
וועלכע די „אָרדנונג די געטלאַכע" היטן!
קריינקענדיק,ליידנדיק, עלנט און שוואַך,
האָט זי געאַרבעט אַ צייט אין איר פאַך,
און האָט דערביי אימער מאַנגל געליטן.

יאָרנלאַנג האָט זי געאַרבעט, צום ענד
האָבן איר „נאָטים" געגעבן די הענד,
ווערענד די פּים האָבן קאָם-וואָס געטראָטן;
„איצט מוז איך בעטלען!" זאָגט זי און פּרובירט.
„דאָ איז אַלץ פריי..." אַך, זי האָט זיך געאירט:
בעטלען אין ענגלאַנד איז שטרענגסטענס פאַרבאָטן.

און דאָס דערקלערט איר דער הער מאַגיסטראַט,
וועלכער זעט אוים זייער קרעפטיק און זאַט,
גלייך ווי מען ברענגט צו אים מאַריע'ן צו פירן;
און, אום די פרייהייט פון אָרעמע לייט
קלאָר צו באַנעמען, גיט פיר וואָכן צייט
ער איר אין טורמע, און הייסט איר מאַרשירן.

* *

„בעטלען איז, הייסט עס, אין דער פרייער לאַנד —
ניט אַ דערנידעריקונג נאָר און אַ שאַנד" —
טראַכט ביי זיך מאַריע, — „עס איז אַ פאַרברעכן.
וואָס טו איך איצט? גיין אין וואָרק-הויז? אָ, ניין!

גלייכער צוריק שוין אין טורמע צו גיין:
דאָרטן, אין הקדש איז ערגער, איך רעכן."
מאַריע האָט רעכט, דאָך זי האָט ניט קיין ברויט,
מאַריע'ן די אָרעמע טרייבט איצט די נויט
ברויט ביי אַ בעקער צו גנב'ען אַ „קוואַטען".
נו, וואָס פאַרשטייט איר ניט? די פּאָליציי
כאַפּט איר און זעצט איר אַריין איינס און צוויי:
גנבה אין ענגלאַנד איז שטרענגסטענס פאַרבאָטן.

אָט-דאָס דערקלערט איר דער הער מאַגיסטראַט,
וועלכער איז אימער נאָך קרעפּטיק און זאַט,
רעדנדיק מיט אַ גאַנץ ערנסטער מינע;
און דאָס געזעץ צו שטיצן אויף קלאָר
הייסט ער איר זיצן פאַרשפּאַרט אַ האַלב יאָר,
אין אַן אַסטראָג פון דער פרייער מדינה.

* *

מאַריע זיצט ווידער, קומט ווידער אַרויס,
ווידער אַרויס און און האָט ווידער קיין הויז,
ווידער קיין שפּייז ניט צו שטילן דעם מאָגן.
אָה, ער איז גרויזאַם, דער מאָגן אין לייב:
„עסן גיב, שרייט ער, דו בעטל, דו קלייב,
גזל ברויט, כאַפּ ברויט, אַבי נאָר געקראָגן."

מאַריע, זי ציטערט איצט פאַר'ן געריכט,
דאָך זי דערמאָנט זיך אַז פון אַ געזיכט,
וועלכעס איז שיין, מאַכט מען אָפּטמאָל אַ לעבן...
רויט ווערט פאַר שאַנד זי, וואָס איז אימער בלאַס,
דאָך זי פּרובירט, זי דערשיינט אויפ'ן גאַס...
האָפט אַז די נאַכט וועט אַ מאַסקע איר געבן.

יאָ, זי קלייבט אוים אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט,
דאָך זי באַהאַלט זיך און ווערט ניט באַטראַכט;
איר ערשטע פראָבע ווייזט אוים ניט געראָטן...
אָט קריגט זי מוט... און זי רופט איינעם אָן:
ער אָבער, צייגט זיך אַרוים, איז אַ שפּיאָן,
„אַנרעדן מענער, זאָגט ער, איז פאַרבאָטן.“

אָט־דאָס באַשטעטיקט דער הער מאַגיסטראַט,
ער וואָס איז אימער נאָך קרעפטיק און זאַט,
אימער נאָך שטרענג, אין זיין דין אומערביטלאַך;
דאָך זי ווערט דאָסמאָל צו שטרענג ניט באַשטראָפט,
„טורמע דריי טעג נאָר“ — אַ גליק אומערהאָפט,
„גיי, זאָגט דער הער, און זיי קינפטיק מער זיטלאַך.“

* *

מאַריע ווערט זיטלאַכער, אָבער ניט זאַט,
מאַריע איז שרעקלאַך פאַרהונגערט און מאַט;
אָבער די וועלט האָט אין זיך פילאַנטראָפן:
איינער דערלאַנגט איר אַ שילינג אין גאַס,
און זי באַשליסט צו פאַרזוכן, צום שפּאַס,
וואָס פאַר אַ טעם האָט דער ביטערער טראָפן.

און מיט איר איינגאַם דעם גאַנצן אין האַנד
גייט זי און טרינקט אַ האַלב שעה נאָכאַנאַנד,
אין דער געזעלשאַפט פון פיל אידיאָטן;
שכור׳ערהייט גייט זי אום ביז זי ווערט
ניכטער אין דער פּאָליציי, און זי הערט,
אַז שכור אַרומגיין אין גאַס איז פאַרבאָטן.

אַט־דאָס דערקלערט איר דער הער מאַגיסטראַט,
ער, וואָס איז אימער נאָך קרעפּטיק און זאַט,
ער, וועלכער האַלט אַז עס טאָר ניט געבראָכן
ווערן דער קלענסטער געזעץ אין אַ לאַנד,
וואו די גערעכטיקייט הערשט מיט פאַרשטאַנד.
מאַריע, זי קריגט פון דאָס ניי דריי וואָכן.

* *

מאַריע זיצט ווידער, ווערט ווידער באַפרייט,
מאַריע איז קראַנק, איר פאַרמאַטערט דער שטרייט
און זי הויבט אָן אַרום טויט איצט צו טראַכטן.
נאָך האָט זי פון פעקל זאַכן די שטריק,
דאַן איז באַקאַנט איר אַ פריינטלאַכער בריק,
וואָס אונטער אים פלעגט זי אָפט איבערנאַכטן.

הענגען זיך — טרינקען זיך? פרעגט זיך נאָר היינט,
מאַריע באַשליסט זיך צו גיין צו איר פריינט...
קיינער פאַרפאָלגט איר ניט אויסער איר שאָטן;
נון, איז די עלנטע ענדלאָך אין טייך...
אָבער מ'ראַטעוועט איר און זי הערט גלייך,
אַז אַפילו זעלבסטמאָרד איז שטרענג פאַרבאָטן.
אַט־דאָס דערקלערט איר דער הער מאַגיסטראַט,

וועלכער איז אימער נאָך קרעפּטיק און זאַט,
דאָך איז ער גנעדיק, באַשטראָפט איר איצט גאָר נ״ג.
„גיי און זיי קליגער — זאָגט ער נאָר צו איר,
זע, דו זאָלסט מער שוין ניט קומען צו מיר,
אַלץ געענוי ווייסטו איצט וואָס מען טאָר ניט.“

* *

מאַריע קומט ווירקלאַך צו אים שוין ניט מער,
ליגט און דערלאַנגט זיך קיין ריר ניט, קיין קער,
ליגט שוין באַגראָבן אין דר'ערד און באַשאָטן.
ווער וויים, צי ווייס זי — אַז שטאַרבן פון נויט,
מיט אַ געזעצלאַכן, רואיקן טויט,
איז ניט אין פרייע מדינות פאַרבאָטן.

„אַרבעטער פריינד", 25טן אָקטאָבער, 1889.

דער אַלטער מאַן און דער נייער יאָר

אום מיט דעם אַלטן יאָר זיך צו געזעגענען,
שטייט און קאַליעט ביי נאַכט היינט אַ מאַן,
און אום דעם נייעם יאָר באַלד צו באַגעגענען,
וואַרט ער אין גאַס איצט, אין קעלט, אין טומאַן;
אויפגערעגט וואַרט ער, דער אַלטער אין גאַס,
וואַרט ער און איז ניט אין כעס.

ער איז אַן אַרבעטסמאַן, ער איז אַן אַלטערמאַן,
מיט אַ פאַרשוואַרצט געזיכט און ווייסע האָר;
און דיזער הונגערמאַן, און דיזער קאַלטערמאַן
וויל איצט באַגעגענען דעם נייעם יאָר.
הונגעריק, אומעטיק שטייט ער אין גאַס,
אומעטיק, דאָך ניט אין כעס.

זיבעציק נייע יאָר האָט ער באַגעגנט שוין,
זיבעציק יאָר אַלטע קעלטער ווי אייז,
און האָט מיט זיבעציק יאָר זיך געזעגנט שוין,
ער, דער פאַרפאַראָרענער אָרעמער גרייז;
טרעפנדיק פילע פון זיי דאָ אין גאַס
אויפגערעגט, דאָך ניט אין כעס.

„אָ, ליבער נייער יאָר, ווילסטו ניט בעסער זיין,"
הער איך אים מורמלענדיק שטיל אין זיך,
„ווילסטו דען אויך פאַר מיין ברודער אַ מעסער זיין,
א י ך בין שוין אַלט... ווען קימערט פאַר מיך..."
דאָ לאָזט ער פאַלן אַ טרער אויפ'ן גאַס,
וויינט, דאָך ער איז ניט אין כעס.

„אָה, ליבער נייער יאָר, זיי אונז אַ טרייער יאָר,
זיי צו מיין ברודער, דעם אַרבעטער, טריי;
זיי אים אַ טרייער יאָר, זיי אים אַ פרייער יאָר,
מאַך אים, דעם שקלאַף, אָה, דו ליבער יאָר, פריי;
קוק ניט אויף מיך, ווי איך שטיי דאָ אין גאַס,
הער מיינע רייד אוים אָן כעס.

„דלות און נויט האָבן פאַר דער צייט גרוי געמאַכט
מיך, ווי דו זעסט מיך, אָ ליבער יאָר, היינט;
פאַר דער צייט האָבן זיי פון מיין פרוי געמאַכט
שפייז פאַר וואָרים פון דר'ערד, זייער פריינט.
איך האָב באַוויינט מן געליבטע אין גאַס,
ביטערלאַך, אָבער אָן כעס.

„איך האָב געשטריטן פאַר פרייהייט, גערעכטיקייט,
און האָב באַגראָבן מיין איינציק קינד;
איך האָב געקעמפט געגן מענטשלאַכע שלעכטיקייט,
שווימענדיק געגן דעם שטראָם און דעם ווינד;
ווייב און קינד האָב איך באַגלייט דורך די גאַס,
צו זייער קבר אָן כעס..."

קוים רעדט ער אוים דיזע ווערטער דער אַלטער מאַן,
פאַלט ער אַנידער — אַ מת אויפ'ן ברוק,
פאַלט ער אַנידער אויף אייביק אַ קאַלטער מאַן;
שטיל איז זיין צונג אין מויל, שטאַר איז זיין קוק,
און ער נעמט אָפשיד פון לעבן אין גאַס,
רואיק ווי אימער — אָן כעס.

„אַרבעטער פריינד", 3טען יאַנואַר, 1890.

דריי שוועסטער

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטייען טעגלאַך דריי שוועסטער,
די שוועסטער — זיי קען ווער-ניט-ווער.

די איינגסטע פאַרקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטלסטע — בענדלאַך פון שיך,
און שפּעט אין דער נאַכט זעט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדלט מיט זיך.

די אינגערע שוועסטער באַטראַכטן
די עלטערע שוועסטער אָן האַס,
דען אַלע דריי מיידלאַך פאַראַכטן
די רוישנדע שטאָט, און די גאַס...

דאָך שפּעט ביי דער נאַכט, ווען זיי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופן „אַ היים“,
באַנעצן זיי בענדלאַך און בלומען
מיט טרערן, וואָס פליסן געהיים..

„פרייע וועלט“, אָקטאָבער 1891.

דאָס עופּ׳על אין וואַלד

אין אַ בלומען־וויגעלע
שלאָפט אין וואַלד אַ קינד,
און אים זינגט אַ ניגעלע
אין דער הויך דער ווינד: —

„שלאָף, מיין זיסער אינגעלע,
שטיי ניט אויף, ניט הילך,
ניט באַוועג דיין צינגעלע —
איך האָב ניט קיין מילך...

האָב פאַר דיר קיין פוטער ניט,
פרעג אָט־דעם בוים;
שלאָף, דו האָסט קיין מוטער ניט,
האָסט, ווי איך, קיין היים.

דו ביסט אַ פאַרלאָרענער,
ווי פון בוים אַ בלאַט
אָן אַראָפּגעבלאָזענער,
וועלכער פאַלט פור־פלאַט.

ליג, איך וועל באַשיצן דיך,
אויף די גרינע גראָז,
פון די שווערע היצן דיך
מיט מיין פרישן בלאָז.

האַלט נאָר צו די אויגעלאַך,
רו אויס יעדן גליד;
איך מיט יענע פייגעלאַך
זינגען דיר אַ ליד.

אָבער בעט קיין פּוטער ניט,
ניט קיין מילך, קיין שפּייז,
דען דו האָסט קיין מוטער ניט,
זי ליגט קאַלט ווי אייז.

זי, די טיף־געזונקענע,
האָט געמאַכט אַ שטרייך:
ליגט איצט, אַ דערטרונקענע
אין דעם טיפן טייך.

וואו דער שטראָם, איר שווינקענדיק,
רייניקט איר פון זינד...
שלאָגט אַרויס, איר טרענקענדיק,
פון איר קאָפּ איר קינד.

זי, די נאָך ניט מינדיקע,
האָבנדיק געטראַכט,
אַז זי איז אַ זינדיקע,
האָט זיך אומגעבראַכט.

* *

שטיל? דו שליסט די אויגעלאַך
מידערהייט שוין צו?
גוט, איך רוף די פייגעלאַך
און דו האָסט באַלד רו.

רו פאַר יעדן אבר׳ל
שאַפן מיר דיר באַלד,
אין אַ פרישן קבר׳ל
דאָ אין גרינעם וואַלד...״

„פרייע וועלט“, פעברואַר 1892.

אויפ׳ן סטרענד *)

אַ פּאָטער, אין שכרות פאַרזונקען,
אַ מוטער, פאַרלאָזן, באַטרונקען,
זיי פירן אַ קינד פאַר די הענד,
זיי קומען פון שענק און זיי דענקען
געוויס וועגן אַנדערע שענקען,
און פירן דאָס קינד אויפ׳ן סטרענד.

דער מאַן האָט די שכירות גענומען,
ווען שבת איז ענדלאַך געקומען,
די ווייב האָט געוואַרט ביים פאַבריק;
און ער מיט זיין קינד, מיט איר מאַמען,
זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען,
אין שענק נאָך אַביסעלע גליק.

אין שענק, וואו עס ווילט זיך ניט עסן,
אין שענק, וואו עס לאָזט זיך פאַרגעסן
אָן קליידער, אָן שיך און אָן רענט;
אין שענק, וועלכער איז אַ גן־עדן
פאַר מענטשן וואָס זיצן אָן פריידן,
אָן ברויט צווישן פיר הוילע ווענט.

איצט גייען זיי ביידע באַטרונקען,
דורך דלות און שכרות פאַרזונקען
און פירן דאָס קינד פאַר די הענד;
ווער וויים, אויב דער גאַנג וועט איר געבן
אַ טעם פון אַ לייכטערן לעבן,
אַ לעבן פון מיידלאַך אין סטרענד.

---

*) באַוואוסטע לאָנדאָנער גאַס.

אין סטרענד, ווי בייננאַכט פון טעאַטער
קומט מער ווי איין פראַנטל אַ זאַטער
אַרוים אין דער טונקעלער וועלט;
וואו גלייך ווי די זון גייט נאָר אונטער
פאַרדונגענע ליבע ווערט מונטער,
די שאַנדע מיט טונקל פאַרשטעלט.

.1891

צו די פאַר׳חלומ׳טע

איר גייט אַרום באַקלאַגנדיק
די שלעכטע, שלעכטע צייט,
און לייגט זיך שלאָפן זאָגנדיק:
ווער וויים וואָס דאָס באַטייט?

איר ליגט און חלומ׳ט שלאָפנדיק,
פון יענער, יענער וועלט,
אין ווייטאָק ליגט איר, האָפנדיק
צו קריגן וואָס אייך פעלט.

צו קריגן, רואיק ליגנדיק,
דעם הימל׳ס, הימל׳ס מן,
און קלאָגט, דעם מן ניט קריגנדיק,
וואָס ער איז ניט פאַראַן.

איר רעדט אַמאָל פון אייניקייט,
און בלייבט, און בלייבט דערביי;
אייך שרעקט רק אייער ווייניקייט
צו פּרואוון ווערן פריי.

דאָן גייט איר אום באַקלאַגנדיק
די שווערע, שווערע נויט,
באַקלאַגנדיק, דאָך טראָגנדיק
די קייטן ביז־אין טויט.

1892.

חן-גריבעלאַך

חן-גריבעלאַך צוויי, קליינע מינען פון גאָלד,
האָט היענעלע, משה דעם פינישער׳ס קינד;
די גריבעלאַך צוויי האָבן יונגע לייט האָלד,
די גריבעלאַך וואָלט יעדערער פילן מיט גאָלד,
און היענעלע איז פאַר איר שפיגל ניט בלינד.

דאָך לאָזן די גריבעלאַך, אוצרות פון חן,
איר הערצעלע איבער פאַר׳צרה׳ט און שוויער,
אין חיענעלע׳ס גריבעלאַך, חנ׳עוודיק שיין,
אַ שאָטן פון יענער וועלט אָפט לאָזט זיך זען,
פאַר׳גנב׳עט זיך אָפט אַן אַנטרונענער טרער.

ס׳האָט חיענעלע, משה דעם פינישער׳ס קינד,
אין גריבעלאַך גאָלד, דאָך איר גליק אין אַ גרוב,
ווייל חיענעלע׳ס גליק איז אַוועק מיט׳ן ווינד,
און ס׳ווערן די גריבעלאַך אירע געשווינד
חן-קברים׳לאַך שטילע, באַהאַלטן אין שטוב.

1884

קינדערשע מוזיק

ווער עס איז אַ מבין אויף די שיינע,
אײנציק־הימלישע מוזיק,
וועלכע קומט פון אומשולדיקע, ריינע
עופ׳עלאך, אין זייער גליק ;

ווער עס קען פאַרשטיין די צויבער־טענער
פון די קינדער׳ס פּלאַפּלעריי,
ווער עס איז אויף זייער קול אַ קענער,
זייער ליבע שפּילעריי ;

ווער עס פ י ל ט מוזיק אין דעם געלעכטער
פון אַ קינדערשן קאָנצערט, —
דער פאַרשטייט אַ מעלאָדיע פיל עכטער,
ווי אַ קינסטלער אַן עקספּערט.

*
* *

אָבער אַזאַ מאַן מוז, גלויב איך, פילן
אָפט אַ שמערץ, ווען ער באַטראַכט,
אַז די צייט וועט קומען און פאַרהילן
אַל־די הייטערקייט מיט נאַכט ;

אַז דער טאָן, דער מוזיקאַליש־ליבער,
וועלכער אונזער האַרץ דערפרייט,
וועט פאַרזינקען טיף אין קוילן־גריבער,
וואו דאָס קינד וועט זוכן ברויט ;

אַז די פרייע, קלינגענדיקע ווערטער
ווערן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פלוך,
ווען ער וועט, פאַרשפּאַרט אין טוכלע ערטער,
זיצן ביי אַ פעלץ, אַ ראָק, אַ שוך;

אַז דעם שפּיל, דעם שמייכעלע דעם זיסן,
דעם אַנטציקנדיק־פרייען בליק
וועט דאָס קינד ניט קענען און ניט וויסן
צען יאָר שפּעטער אין פאַבריק;

אַז עס וועט פאַרשווינדן ווי אַ פעדער
אויפ'ן ווינט די גאַנצע לוסט
אונטער די מוזיק פון שווערע רעדער,
דריקנדיק זיין קראַנקע ברוסט.

1891.

קליין-עטעלע

איך קען אַ קליין מיידעלע,
אַן אַרבעטער׳ס אַ קינד,
איר פּנים׳ל, דאָס איידעלע
דערפריים דאָס הויזגעזינד.

מען גיט איר אַלע גוטיקייט
אין ביזע און אין סלעק,
איר פריילאַכקייט, איר מוטיקייט
איז יעדנ׳ס לעבנס צוועק.

זי בליט, די שיינע מיידעלע,
זאָגאַר אין צייט פון נויט:
דער פאָטער האַלט איר קליידעלע
פאַר בילכער ווי זיין ברויט.

דאָך דוכט מיר, ער זעט קומענדיק
אַ שווערע, שווערע צייט,
און אָפטמאָל מאַכט אים אומעטיק
זיין טאָכטער׳ס ליבלאַכקייט.

ער זיצט אָפט ביי איר בעטעלע,
פאַראומערט אויף אַ שטול,
און טראַכט אַרום קליין-עטעלע
מיט אויגן רויט און פול...

.1891

דאָס געשפּענסט

איין אָוונט פאַרגאַנגענעם ווינטער בין איך
אַליין אין מיין צימער געוועזן;
און זיצנדיק לעבן קאַמין לאַנג, האָב איך
געהאַלטן אַ בוך און געלעזן.

און לעזנדיק, בין איך געוואָרן פאַרטראַכט,
פאַרטראַכט און אַביסל פאַראומערט,
איך בין מיר געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט
געזעסן, געטראַכט און געשלומערט.

און שלומערנדיק איז געוואָרן מיר קאַלט:
עס האָט מיך דערגריפן אַ שוידער;
פון פייער איז פּלוצלונג אַרוים אַ געשטאַלט,
אַ ביינער־געשטאַלט... ווי אַ טויטער.

אַ מת, יאָ אַ מת איז אַרוים פון קאַמין,
אָן פליישׁ, אָן אַ הויט, היילע ביינער,
אין פּנים צוויי לעכער אָן ציינער דאַרין,
אין מויל אָבער קריצנדע ציינער.

און פון די צוויי לעכער אין פּנים ביי אים
האָט וואַסער געטריפט, דאַכט זיך טרערן...
און באַלד איז אַרוים פון זיין מויל אַזאַ שטים,
וואָס האָט מיך געשוידערט צו הערן.

און ווי יעדעס וואָרט איז אַרוים פון זיין מויל,
איז אימער אַ טראָפּן אַ נייער —
איז אימער געפאַלן אַ טרער אויף אַ קויל,
פאַרלעשנדיק לאַנגזאַם דעם פייער:

„דו שלומערסט, דו מענטש! האָט געדונערט זיין קול,
דו זעסט ניט, עס גייט אויס דיין פייער;
דו שלומערסט? האָט ער מיך געפרעגט נאָך אַמאָל,
די קוילן, מענטש, קאָסטן מיר טייער!

„מיר קאָסט עס מיין לעבן וואָס דיר איז אין שטוב
דעם אָוונט דאָ וואַרעם געוועזן...
אויף מיר איז געקומען דער טויט אין אַ גרוב,
אום דיר זאָל זיין וואַרעם ביים לעזן.

„פון עלף ביז צוועלף הונדערט נפשות אַ יאָר,
די גרובן פון ענגלאַנד פאַרשלינגען,
אַט הער ווי זעקס טויזנט יתומים אין כאָר
אונז אָרעמע גרעבער באַזינגען...“

און ווי ער האָט אָפּגערעדט, זיינען פאַר מיר
דערשינען צו טויזנטער יונגען,
און נעבן זיי מיידעלאַך גאָר אָן אַ שיעור,
און האָבן אַט-דעם קלאָג-ליד געזונגען:

ווייבער זיך קוועלנדע,
קינדערלאַך עלנדע
לאָזט איר, פאַרשאָטענע
גרעבער, נאָך זיך;
שיינינקע מיידעלאַך
לאָזט איר אָן קליידעלאַך,
אינגלאַך גראָטענע
לאָזט איר אָן שיך.

קינדער פאַרגעסענע,
אָפּט ניט געגעסענע,

וועלן, פאַרפראָרענע,
האָרעווען שווער;
ווער וועט דערבאַרעמען
זיך, און דערוואַרעמען
אונז, די געשאָרענע
שעפּסעלאַך — ווער?

וועט זיך ווער קימערן,
אויב אין די צימערן,
וואו מיר קאַליענען
ליכט און ברויט, פעלט?
אַ, איר לאָזט אייערע
קינדערלאַך טייערע
צום קאַראַנינען
היינט אין דער וועלט.

זיי זיינען פאַרשוואונדן. ער האָט ניט גערעדט,
האָט מיר נאָר געוואונקען צו שויען
אריין אין קאַמין. נעבן אים, דעם סקעלעט,
איז איצט שוין געווען אַ רייע פרויען.

אַ פולק פון אלמנות אין ווייסן געקליידט,
תכריכים אויף זייערע לייבער;
דאָ יונגע, דאָ עלטערע, באָרפיסערהייט —
פאַרשאָלטענע, אָרעמע ווייבער.

די בלייכע געזיכטער אין שלייערס פאַרהילט,
די פיס אין די אַש האַלב פאַרשלונגען;
זיי האָבן מיט שרעקן מיין צימער ערפילט,
און האָבן אָט־דאָס געזונגען:

דער וואָס עסט — פאַרגעסט
אַן אָרעמע לייט;
די טויב ווער עס עסט,
טראַכט ניט צי אין נעסט
ליגט אַ טייבל וואָס ליידט.

אין דער וועלט, ווער געלט,
האָט פיל אים געלוסט,
פאַרגעסט דעם געצעלט,
וואו ווילגאַץ, וואו קעלט
מאַכט קראַנק יעדע ברוסט.

דער וואָס טוט וואָס גוט
איז נאָר פאַר זיין לייב,
פאַרגעסט דעם, וואָס רוט
פון זאָרג קיין מינוט,
פאַר קינדער און ווייב.

אַ קאַראַט ווער׳ס האָט,
מיט קוטשערס און פערד,
זעט ניט — און דאַנקט גאָט —
דעם, וואָס פון כלאָפּאָט
באַהאַלט זיך אין דר׳ערד.

ווען פון שטוב אין קלוב
דער גביר גייט אריין,
גייט אויך... אין אַ קלוב
דער גרעבער פון גרוב,
אין מתים-פאַראיין.

און זיין ווייב? איר לייב
קויפט איר, אויב איר קענט,
צום... צום צייטפאַרטרייב;
זאָנסט דינגט אייער ווייב
צום דינסט אירע הענט.

איר זייט רייך, און איך —
איך רייכע, איז גוט:
איר שווימט אין אַ טייך —
פון וואָס? בלייבט איך גלייך...
צי טרערן, צי בלוט.

דער קול פון די ווייבער איז לאַנגזאַם אַוועק
און באַלד אויך דער טויטער, לשלום!
און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט האַסטיק אין שרעק,
צום גליק וואַר דאָס אַלץ נאָר אַ חלום.

„אַרבעטער פריינד“, 10טן דעצעמבער, 1886.

מרה שחורה

די צייטונגען פֿארבלענדן אייך די אויגן,
די פּרעדיגער פֿארדרייען אייך די קעפּ,
פֿון ביידע ווערט איר, ארבעטער, דערצויגן
צו נעמען און ניט אָפּצוגעבן קלעפּ.

די פֿאבריקאנטן לאָזן אייך אָן קרעפּטן,
די האנדלסלייט אָן העמדער אויפ׳ן לייב,
פֿון אייער דומהייט מאכן זיי געשעפֿטן
און אייער שמאך איז זייער צייטפֿארטרייב.

דער מאגיסטראט-הער מאכט אייך אָן א מורא,
דער פּאָליציייסקער האלט אייך פֿעסט אין צוויק;
און טאָמער גלויבט איר ניט אין יענעם׳ס תורה,
ברעכט ער אייך די האלז און דעם גניק.

איר שמידט אליין פֿאר אייער גוף די קייטן,
איר פֿלעכט אליין פֿאר אייער האלז די שטריק;
איר העלפֿט אליין פֿאר זיך דעם נעץ פֿארשפּרייטן,
איר בויט אליין דעם פֿאנגער׳ס פֿעסטן בריק.

און איר ווערט ליידן ווי איר האָט געליטן,
אויב אייך איז אזוי זיס די שקלאפֿעריי,
אויב איר ווילט אייביק שפּייזן פּאראזיטן,
און וואַרטן אויפ׳ן טויט צו ווערן פֿריי.

„פֿרייע וועלט“, סעפּטעמבער 1892.

די וועלט פאַר די רייכע

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ מאַרק,
און די אָרעמע מענטשן ווי וואַרען,
און זיי זיצן ביים פאָלק אויפ'ן קאַרק,
פון דער הויך צו באַטריגן די נאַרען.

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ טייך,
וואו דאָס פאָלק איז די פיש, וואָס זיי פאַנגען,
און זיי ווערן פון פאַנג ניט נאָר רייך,
דער פיש מוז נאָך דעם נעץ זיי דערלאַנגען.

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ וואַלד,
וואו זיי יאָגן די מענטשן ווי האָזן,
און זיי האַלטן פאַר רעכט די געוואַלד,
פאַר אומרעכט — זיך שינדן ניט לאָזן.

און דער אָרעמער גייט אויפ'ן מאַרק,
און ער לאָזט זיך אין נעץ פון זיי פאַנגען,
און ער מערקט אויפ'ן יאַגד ניט ווי שטאַרק
ער אַליין איז אַ קלאַפּ צו דערלאַנגען.

און אַזוי גיט ער איבער די וועלט
צו די הענדלער, די פאַנגער, די יעגער,
וועלכע האָבן נאָר דאַן ווען אים פעלט, —
אים, דעם מאַכער, דעם טוער, דעם טרעגער.

1892.

צער בעלי חיים

מען צופּט אייך, שטומע גרעזעלאַך,
מען טרעט אייך מיט די פּיס,
דערשראָקענע ווי העזעלאַך
פאַרשווייגט איר אונז דעם ריס;
פאַרצייט איר אונזער שווערן פוס,
ניט ווייזט קיין כעס אַרויס,
און קומט דער ווינט, ברענגט ער אַ קוש,
דערהויבט אייך, היילט אייך אויס.

מען פּליקט אייך, שטומע בלימעלאַך,
מיט הענט ווי צוואַנגען האַרט,
אָן כחות און אָן שטימעלאַך,
פאַרשווייגט איר אַלץ און דאַרט;
און ערגער ווי די גרעזעלאַך,
איר אָרעמע, איז אייך,
איין שמעק פון נעזער — נעזעלאַך
און שוין שווימט איר אין טייך.

מען ווערגט אייך, שטילע הינדעלאַך,
מען שטיקט, מען קוילעט אייך,
מען רייסט אייך אָפּ פון קינדערלאַך,
איר שטומט ווי פיש אין טייך;
און ערגער פון די פלענצעלאַך,
אייך, הינדעלאַך, מוז זיין,
אַפילו ניט אין קרענצעלאַך,
אין טעפּ פאַלט איר אַריין.

מען ברענגט אייך אום, בהמה'לעך,
מען מאַכט פון אייך אַ תל

און אײערע יתומה'לאַך,
ווי אײך שינדט מען די פעל.
און ניט באַנוצט איר, נאַרעלאַך,
די כחות, דעם פאַרשטאַנד
צו נעמען ביי די האַרעלאַך
דעם חלף פון דער האַנד.

דאָך, גרעזעלאַך און קווייטעלאַך
אַ סוד זאָג איך אײך אוים,
אײך, הינדעלאַך און שוטה'לאַך,
אויך אײך זאָג איך דאָס אוים.
עס פליקט און שטיקט ניט אײך אַליין
דער מענטשלאַכער באַרבאַר;
אַ ל ץ ווערגט ער וואָס איז שוואַך און קליין,
אַלץ, אַלץ — דער בייזער נאַר.

ער ברענגט אום זיינע קליינינקע,
ניט מיט די הענט, געווים!
ער טרעט אויף זיי, די שײנינקע,
הגם ניט מיט די פים.
און מער ווי אײך, איר בלימעלאַך,
איר אַנדערע, שמערצט זיי:
נישט מער זיי האָבן שטימעלאַך
און שרייען אוים: „אוי-וועה!"

.1910

בלוט-טראָפּנס

ווען אַל-די טראָפּנס בלוט, וואָס פליסן
פון יעדער פּראָלעטאַריער-וואונד,
וואָלט אימיצער צוזאַמענגיסן,
דאַן וואָלט מען קלערער זען און וויסן
דעם גרונד פון זיי, דעם בייזן גרונד.

עס וואָלטן ווערן רויטע טייכן,
און יעדער וואָלט אין זיי דערבליקט
אַ שטראָם, וואָס פליסט פון זיינסגלייכן,
און מאַכט אַ בלוט-באָד פאַר'ן רייכן,
און פאַרבט דעם ווײַן וואָס אים דערקוויקט.

עס וואָלט דער אַרבעטער באַגריפן,
אַז ער אַליין מיט זיינע הענד,
האָט פאַר דעם בלוטצאַפּער געשליפן
אַ שווערד, וואָס מאַכט זיין בלוט זאָל טריפן,
זאָל טריפן ,טריפן אָן אַן ענד.

דאָך אַל-די טראָפּנס בלוט זיי פליסן
באַזונדער טיף אריין אין דר'ערד ;
זיי לאָזט מען זיך פאַנאַנדערגיסן
און נאָר די ערד אַליין קען וויסן.
וואָס פון די טראָפּנס אַלע ווערט.

.1891

שטום, טויב, בלינד

איך פרעג די פּראָלעטאַריער:
ווי קומט עס וואָס איר שווייגט,
ווען טיף זינקט די גערעכטיקייט,
און הויך דאָס אומרעכט שטייגט;
ווען דומהייט רייט אויף וויסנשאַפט,
און וואַרהייט זעט אוים דום?
וואָס שווייגט איר, פּראָלעטאַריער,
ניט שוין-דען זייט איר שטום?
זיי ענטפערן, ניט רעדנדיק,
אַך, גוטער מאַן, דאָס זיינען מיר,
דער ווייטאָק מאַכט אונז שטום.

איך פרעג די פּראָלעטאַריער:
ווי קומט עס, אַז איר הערט
געלאַסן, רואיק, גלייכגילטיק
די חוצפּה וואָס פאַרווערט?
דעם קול פון אַ משפּטים-מאַן,
וואָס לעבט אַליין פון רויב?
נו, זאָגט, איך בעט אייך, אַרבעטסלייט,
ניט שוין-דען זייט איר טויב?
זיי ענטפערן מיר, שווייגנדיק,
אַך, גוטער מאַן, מיר הערן ניט:
דער טומל מאַכט אונז טויב.

איך פרעג די פּראָלעטאַריער:
ווי קענט איר בלייבן קאַלט
באַטראַכטנדיק דעם אונטערגאַנג

פון מענטשן יונג און אַלט,
די ווילדפּלייש און די העסלאַכקייט
וואָס וואַקסט אויף אייער קינד?
וואָס זאָגט איר, פּראָלעטאַריער,
איר זעט ניט? זייט איר בלינד?
זיי ענטפערן: דאָס זיינען מיר,
ווי זעענדיקע שיינען מיר,
מיר זיינען אָבער בלינד.

.1891

האַנד און פאַרשטאַנד

אי דדריק דיין געזונטע און מענלאַכע האַנד,
דיך טרעפנדיק און פון דיר שיידנדיק;
איך זע דיין געזונטן און קלאָרן פאַרשטאַנד,
מיט דיר — פּראָלעטאַריער — ריידנדיק.

די האַנד, דער פאַרשטאַנד זיינען ביידע געזונד,
און דאָך איז דיין לעבן קיין לעבן ניט;
דער גרונד דערפון איז אַ גאַנץ איינפאַכער גרונד,
זיי איינער צום צווייטן זיך קלעפּן ניט.

דיין האַנד, וועלכע אַרבעט, זי ווירקט אָן פאַרשטאַנד,
דו לעבסט, קיין שום פרייד ניט פאַרזוכנדיק;
דעם שכל, וואָס דענקט, פעלט אַ קרעפטיקע האַנד.
דו ליידסט, דערפאַר, מיטל ניט זוכנדיק.

ווען דו וואָלסט געקענט דעם פאַרשטאַנד מיט די הענט
איין איינציקן טאָג נאָר פאַראייניקן, —
דו וואָלסט אָן די הענט דעם פאַרשטאַנד אָנגעווענט,
דיין לעבן צו קרעפּטיקן, רייניקן.

פרייהייט און קאמף

אין קאַמף

ווען עס וועט דער שטרייט באַגינען
פאַר דער פרייהייט, געגן געלד,
וועט איר אפשר מיך געפינען
אין די רייהען, אויפ'ן פעלד.

דאָרטן וועל איך מיינע ברידער
פירן ניט אַלס גענעראַל,
איך וועל נאָר מיט פרייהייטס-לידער
זיי דערמונטערן איבעראַל.

דען צום קאַמף וועט מען דאַרפן,
יענעם טאָג פון היץ און דראַנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפן,
אַ באַגייסטערטן געזאַנג.

„פרייע וועלט", אָקטאָבער 1891.

מיין טעלעפאָן

איך האָב אַ טעלעפאָן-פאַרבינדונג
מיט די פאַרהאָרעוועטע לייט;
ער איז מיין אייגענע ערפינדונג,
און איך באַנוץ אים שוין אַ צייט.

איך שיק דורך אים צו זיי אַ בשורה
פון דער ערלייזונג, וואָס איז נאָהנט,
ערקלער זיי זייער גרויסע גבורה
אין אַחדות, שטייענדיק אין פראָנט.

איך רופ זיי, וועק זיי יעדן מאָרגן,
און היים זיי ווירקן, היים זיי טאָן,
איך וועק אַ קראַפט וואָס ליגט פאַרבאָרגן,
און וועק איר דורך מיין טעלעפאָן.

ער איז אַן איינפאַכע ערפינדונג
און קומט אויס אַן מאַשינעריע:
די גאַנצע טעלעפאָן-פאַרבינדונג
האָט נאָר מיין הארץ אַלס באַטעריע.

„פרייע וועלט“, אָקטאָבער, 1891.

עס רירט זיך!

הערט איר, קינדער, ווי ס׳רירט זיך,
ווי ס׳רירט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבעטסמאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל, —
צו דעם טויט־קאַמף מיט׳ן שינדער,
דעם האבון, דעם געלט־טיראַן?
הערט איר, ווי עס רירט זיך, קינדער,
דער באַרויבטער אַרבעטסמאַן?

הערט איר, קינדער, ווי ס׳רירט זיך,
מערקט איר, אַז דער סוף קומט אָן?
פאָרווערטס, קינדער, ס׳מאַרשירט זיך
לוסטיק ביי דער רויטער פאָן!
פרייהייט איז דער הערצער־צינדער,
אָן טרומייט און באַראַבאַן,
זיינע ברידער, זענט איר, קינדער,
גייט באַפרייען דער אַרבעטסמאַן.

זעט איר, קינדער, ווי ס׳וואַרפט זיך
ציטערנדיק די גאָלדען־קאַלב?
דען זי הערט שוין, ווי עס שאַרפט זיך
אונזער חלף איהרענטהאַלב?
איר, די קאַלב, די געצען־רינדער
און די טומאה פון כנען
וויל ער איצטער, ליבע קינדער,
אויסראָטן — דער אַרבעטסמאַן!

דען ער בוקט זיך ניט פאַר געצען,
קניט פאַר אָפּגעטער ניט מער,

ווייל זיך מער ניט לאָזן העצען,
צו געברויכן זיין געוועהר
פאַר דעם געץ פון זיינע שינדער
געגן יעדן פרייהייטס־מאַן;
אָ, ער קומט צום שכל, קינדער,
איבעראַל דער אַרבעטסמאַן!

איבעראַל פון ביידע זייטן
פון אַטלאַנטיק רירט ער זיך!
ער וויל מער ניט לאָזן רייטן
זיינע בלוטזויגער אויף זיך.
ער וויל מער ניט, ווי אַ בלינדער
פערד, ביי זיי גיין אין געשפּאַן,
ער וויל פריי זיין, ליבע קינדער,
זאָט זיין וויל דער אַרבעטסמאַן!

קינדער, לאַנג גענוג גענאָסן
האָט דער רייכער אַל־דאָס גוטס,
בלוט גענוג האָט ער פאַרגאָסן, —
אונזער בלוט צוליב זיין נוץ.
קינדער, מאַרש! צום קאַמף געשווינדער,
טראָגט די רויטע פאָן פאָראָן,
איר זייט זיינע ברידער, קינדער,
און ער רופט, דער אַרבעטסמאַן.

„אַרבעטער פריינד“, יוני 1886. (אינ׳ם טאָג, ווען ס׳איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן די נייס וועגן דעם היסטאָרישן הייםמאַרקעט־מיטינג, וואָס האָט זיך שפּעטער געענדיקט מיט׳ן טויט פון די שיקאַגער פינף מאַר־טירער).

די מאַרסעליעזע

שטייט אויף איר אונטערדריקטע מאַסן,
און מאַכט צו שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט ניט מער קיין לײדיקגייער פרעסן
די פרוכט פון אויסגעקוועלטע הענט! (בּיס)

הערט איר ניט ווי עס קלינגען שווין די וואָפן
געגן אונזערע ברידער אויפ׳ן גאַס?
זעט איר דען ניט, ווי זיי ווערן בלאַס
פאַר וואוטה, די בלוטזויגער און פּאַפן?

שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!
דערהויבט זיך מאַן נאָך מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין איי‍ניקייט
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

וואָס האָט איר, ברידער, צו פאַרלירן,
וואָס טויג אַ לעבן אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן,
און אייביק זומער ליידן נויט?

האָט איר ווירקלאַך מורא פאַר הארמאַטן,
פאַר אַ ביקס, אַ שפּיז אָדער אַ שווערד?
גייט איר דען ניט פאַר דער צייט אין דר׳ערד
טויזנטווייז, ווען אויך ניט דורך סאָלדאַטן?

שטייט אויף, איר אַרבייטסלייט!
דערהויבט זיך מאַן נאָך מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין איי‍ניקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

זאָגט, אַרבעטער, איזראַעליטן,
אויף וועלכער גאולה וואַרט איר היינט?
דער גואל פון די פּאַראַזיטן
קען אייער גואל ניט זיין, פריינט!

איר וואָלט אַפילו אין ירושלים
בלייבן שקלאַפן ביי דעם מאַן פון געלט!
נון, וואָהלאַן, דען! ווייזט דער גאַנצער וועלט,

שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!
דערהויבט זיך מאַן פאַר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין איינינקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

„אַרבעטער פריינד, 18טן מערץ, 1887.

די רויטע פאָן

אונזער פאָן איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מיר ווילן, אַז קיינער זאָל מער ניט זיין בלאַס ;
אַז די פאַרב פון נויט, ליבע ברידער,
זאָל ניט טראָגן דאָס פּנים פון׳ם אַרבעטער קלאַס.

* *
*

אונזער פאָן איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מען האָט זי באַפאָרבן מיט אַרבעטער-בלוט
אין די צייטן פון נויט, ליבע ברידער,
אין די צייטן פון רויב און פון מאָרד און פון וואוט.

* *
*

אונזער פאָן איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מיר ווילן דעם פּורפּור, וואָס האָט אַזוי לאַנג
די טיראַנען געקליידט, ליבע ברידער,
איבערגעבן דעם פאָלק מיט אַ יובל-געזאַנג.

.1889

אַ בעזים און אַ קער!

געננג! איך וויל ניט פיטערן
קיין לײדיק-גײערס מער;
געננג פאַר האָרן ציטערן,
אַ בעזים מיר אַהער!
אַרוים, מײן לאָרד און אַדעלמאַן,
דו סוועטער, דיקע בויך,
דו מוסר-זאָגער, טאַדעלמאַן,
דו קיטלמאַן, גיי אויך!
איך דאַרף ניט מער קיין מיטלמאַן,
אַ בעזים און אַ קער!
קיין מיטלמאַן, קיין טיטלמאַן, קיין קיטלמאַן,
ניט מער!

דו עסט מיר אויף, דו, פּרעדיקער,
וואָס בלייבט פון סוועטער נאָך;
און דו, מײן הער לאָרד גנעדיקער.
דײן טיטל איז מײן יאָך.
דער לאָרד נעמט צו די לאַנד פון מיר,
דער פּרעדיקער שטימט צו,
דער סוועטער שוויצט די האַנד ביי מיר,
דאָך זאָג איך אייך: הערט צו!

איך דאַרף ניט מער קיין פרײדיקער,
אַ בעזים און אַ קער!
קיין פּרעדיקער, קיין גנעדיק-הער, קיין לײדיק גײער
מער!

געננג מיר לאָזן האַבעווען
האַבונעם דורך מײן מי;

געגוג פון מיר אייך ראבעווען
און טרייבן מיך, ווי פי!
מיך שרעקט קיין שווארצער קיטל ניט,
קיין שווארצער יאר ניט מער;
מיך שרעקט קיין קרוין, קיין טיטל ניט, —
מיין בעזים מיר אהער!

איך דארף ניט מער קיין פלאפערמאן, —
א בעזים און א קער!
קיין פלאפערמאן, קיין כאפערמאן, קיין קלאפערמאן
ניט מער!

איר אלע דארמאיעדניקעס,
איר ליידיק-גייערס, גייט!
און אייערע נאסליעדניקעס
הייסט מאכן זיך באריים
צו לעבן אין די קינפטיקע
געזעלשאפט מיט דער צייט,
ווי ערלאכע, פארנינפטיקע
און ברידערלאכע לייט;

ווייל דאן וועט מער קיין מיטלמאן,
קיין פאראזיט ניט זיין!
קיין מיטלמאן, קיין קיטלמאן, קיין טיטלמאן
ניט זיין!

„ארבעטער פריינד“, 11טן אקטאבער, 1889.

דער פרייהייטס-גייסט

אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער-ראַסן,
רופט דער פרייהייטס-גייסט:
„איך ברענג וואָפן — פאַר דעם שלאָפן,
איך באַפריי די אַרבעטס-שקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

ליכט פאַרשפּרייטן — רעכט פאַרברייטן,
קום איך און צוברעך די קייטן
פון דער טיראַניי;
די נאַציאָנען — פון קאַנאָנען,
פון אַרמייען און פון שפּיאָנען
קום איך מאַכן פריי.

איך קום לערן — אַרבעט ערן,
ערן, אַכטן און באַגערן,
אַרבעט מיט אַ טאָלק;
גליק און פרידן, — אומגעשידן
צווישן היידן, קריסטן, אידן,
צווישן פאָלק און פאָלק.

פרייד און שטרעבן — קום איך געבן,
לעבנסלוסט און לוסט אין לעבן
אַלעמען צו גלייך;
מענטשנקינדער — זאָל ווי רינדער
ניט מער אומברענגען אַ גרינדער
פון אַ מערדער-רייך.

1891.

צו מיינע ברידער

אָרעם געוואָרענע
ווען ניט געבאָרענע;
ווען ניט געבונדענע
דעננאָך געשונדענע
שקלאַפן זייט איר;
אייביק פאַר'צרה'טע,
אייביק פאַרמאָרעטע,
דאָ אָפּגעריסענע,
דאָ אָפּגעשליסענע,
שטייט איר פאַר מיר.

מענער פאַרבלענדעטע,
פרויען געשענדעטע,
לאָזט מען אייך פלאָדעווען,
אויפציען, האָדעווען,
און דער גביר לאַכט —
ווערענד ער האַבעוועט,
צופּט אייך און ראַבעוועט,
יאָגט אייך אין יאָך אריין,
טרייבט אייך אין סאָך' אריין,
טרייבט טאָג און נאַכט.

איר בויט טעאַטערן
זיך צו פאַרמאַטערן;
ניט צום צערשטרייען זיך,
ניט צום דערפרייען זיך,
בויט איר נאָך אַנאַנד:
זיינען די מעכטיקע,

הערלאַכע, פּרעכטיקע,
גרויסע און טייערע
הייזער דען אייערע,
אויף אייער לאַנד?

יונגערהייט, אַלטערהייט
הונגערט איר קאַלטערהייט,
וואוינט איר אין דריקעניש,
קריינקט איר אין שטיקעניש
ניט וואו איר בויט.
שעפּסן געשאָרענע,
אייער פאַרלאָרענע
וואָל ווארעמט שינדער נאָר,
זייערע קינדער נאָר,
ניט אייער הויט.

אָ, ניט פון הערלעכהייט
גייט איר אום געלערהייט,
מאָגער און אויסגעדאַרט,
חשך'דיק און אויסגעקוואַרט,
שטאַרבט פאַר דער צייט.
דאָס קומט פון צימערלאַך,
וואו איר לעבט קימערלאַך;
דאָס קומט פון דריקן זיך,
טוכלעקייט, שטיקן זיך,
אָרימע לייט!

ווייניק וואָס ווייסנדיק,
גאָר נישט געניסנדיק,
לעבט איר פאַרגרעבטערהייט,
שטאַרבט איר ניט געלעבטערהייט,

גלויביק אין גאָט;
גלויבנדיק שטרעבט איר ניט,
האָפנדיק, לעבט איר ניט;
האָט איר דען יענע וועלט —
גאָט'ס ליבע, שיינע וועלט —
דענקט איר — איר האָט?

טיף־טיף געזונקענע
גלויבנס־באַטרונקענע,
גיט איר די וועלט אַוועק,
לייב, לעבן, געלט אַוועק,
דעם וואָס איז רייך;
און זיינע קינדערלאַך,
קינפטיקע שינדערלאַך,
קינפטיקע צאַפּערלאַך,
רייסערלאַך, כאַפּערלאַך,
לאַכן פון אייך.

איר זייט די טויזענדער!
איין רוף אַ ברויזענדער,
איין קלאַפּ אַ טיכטיקער,
איין קאַמף אַ ריכטיקער,
ריכטיק באַדאַכט,
וואָלט די פאַרדאָרבענע,
האַלב אָפּגעשטאָרבענע,
די האַלב צעגלידערטע
מענטשהייט פאַרברידערט, און
גליקלאַך געמאַכט.

„אַרבעטער פריינד", אַפּריל 1891.

אַ טרייסט-געזאַנג

הערצער צובראָכענע,
קראַנקע, צושטאָכענע,
אַרבעטער אידעלאַך,
צוויי נייע לידעלאַך,
זינג איך אייך היינט;
אייערע אומענדלאַכע,
אָפּט אומפאַרשטענדלאַכע,
ליידן צו מילדערן
וויל איך איצט שילדערן
גוטעס אייך, פריינט.

.1

טרוימט ניט פאַרצאָגטערהייט,
מוחות פאַרשלומערטע,
זיפצט ניט פאַרקלאָגטערהייט,
הערצער פאַרקומערטע.
וויינט ניט און קלאָגט:
ברידער, די נאַכט גייט אוים!
אוים איז די זאָרגנשטונד,
די בייזע מאַכט גייט אוים, —
אָט שלאָגט די מאָרגנשטונד,
ברידער, עס טאָגט!

לוסטלידער זינגענדיק,
קומט אָן די נייע צייט.
זינגענדיק, ברייננענדיק
גוטס, קומט די פרייע צייט,
„זייט, זאָגט זי, פריי!

מענער געצוואונגענע,
לאָזט זיך ניט צווינגען מער;
פרויען פאַרדונגענע,
לאָזט זיך ניט דינגען מער:
אוים שקלאַפעריי!"

אַרבעט אין איינינקייט, —
אַרבעטן ברידערלאַך,
איז זיך אַ קלייניקייט,
לייכט און ניט ווידערלאַך,
זים און ניט לאַנג;
ווייל די הענט הויבן זיך,
ווירקנדיק פריינטשאַפטליך,
אָן צו רויבן זיך,
האַבעוועז פיינטשאַפטליך,
און אָן אַ צוואַנג.

בלומענקרענץ דופטיקע,
זאַלן פאַרצירנדיק,
צימערן לופטיקע,
וואו פראָדוצירנדיק,
יעדערמאַן שטייט;
שטייט אַ באַגייסטערטער,
ליבט זיך זיין אַרבעט ער
ניט קיין געמייסטערטער
איז אַזאַ אַרבעטער, —
דינט ניט פאַר ברויט.
קיינער צום וואַנדערן

ווערט ניט געדרונגען מער:
איינער פון אַנדערן
ווערט ניט פאַרשלונגען מער —

קיינעם ניט פעלט.
ליבנדיק, לעבנדיק,
לעבט מען גענימנדיק,
לעבט יעדער געבנדיק,
לעבט ער פאַרזיסנדיק,
אַלץ אין דער וועלט.

.2

טרוימט ניט פאַרטראַכטערהייט,
מוחות פאַרשלומערטע,
זינקט ניט פאַרשמאַכטערהייט,
הערצער פאַרקומערטע,
זיצט ניט פאַרטראַכט!
ברידער, די נאַכט גייט אוים,
ברידער, די זון גייט אויף,
די בייזע מאַכט גייט אוים:
שנעל מיט דער זון שטייט אויף,
ברידער ערוואַכט.

פריידנפול זינגענדיק
לידער דערקוויקנדע,
בריידנפול קלינגענדיק
טענער אַנטציקנדע,
קומט אָן די צייט —
פון אַרבעט ערלאַכע,
פריי פּראָדוצירענדע
אַלץ באַגערלאַכע,
נוצלאַכע, צירנדע,
פרידלאַך, אָן שטרייט.
קומט אייך פאַרקינדיקן

ליבע באַשטענדיקע,
פאַר יעדן מינדיקן
צו אַ זעלבסטשטענדיקע
אַרבעטערין, —
ליבע, דערוואָרבענע,
אָן אייגננוציקע
פלענער, פאַרדאָרבענע,
אויסזיכטן שמוציקע,
אָן געלט דאַרין;

ליבע, וואָס זוכט ניט מער
גייסטלאַכע רייניקונג,
ליבע, וואָס פלוכט ניט מער
שפּעטער די אייניקונג
און אירע פרוכט;
ליבע אָן ציטערניש,
ליבע פון זאָרגן פריי,
לעבן אָן ביטערניש,
פון נויט און באָרגן פריי,
לעבט און פאַרזוכט.

בלינדערהייט גלויבט ניט מער,
לעבט ניט פאַראירטערהייט.
אויף זיך דערהויבט ניט מער
הערשער רעגירטערהייט,
קיין לאַסט ניט טראָגט.
אויפוואַכט, פאַרשלאָפענע,
אומגליק-באַזאָפענע,
לאַנג-לאַנג באַדריקטע לייט,
ווערט היינט באַגליקטע לייט, —
ברידער, עס טאָגט!

„אַרבעטער פריינד“, 6טן יוני, 1890.

צום „אַרבעטער פריינד“

איך הער דיין שטימע, די שטימע דער וואַרהייט,
דעם קול פון דעם ווירקלאַכן אַרבעטער-פריינד,
איך הער דיך פון ווייטן, איך הער דיך מיט קלאָרהייט,
מיט הערצלאַכער פרייד באַגרים איך דיך היינט.

איך בעט דיך, קלער אויף מיינע אָרימע ברידער,
וואָס אַרבעטן שווער אין דער היינטיקער וועלט,
וואָס אָפּערן אויף זייער מאַרך פון די גלידער
און אָפּערן אַף דעם מזבח פון געלט;

וואָס זעגן און הובלען און שניצן טאָג-טעגלאַך,
וואָס ציען די דראַטווע און קנעטן די ליים,
און לעבן פון דעסטוועגן אָרעם און קלעגלאַך,
און האָבן קיין הויז ניט און האָבן קיין היים;

וואָס טרייבן די רעדער פון אַלע מאַשינען,
וואָס אַקערן, זייען און באַקן די ברויט,
און קענען פון דעסטוועגן ברויט ניט געפינען,
ווען סלעק אָדער קראַנקהייט זיי שטירצט אין אַ נויט;

וואָס נייען און טראָגן אַליין ניט די קליידער,
וואָס בויען פּאַר אַנדערע הייזער די מי,
און וואוינען אַליין אין אַ פינסטערן חדר,
צוזאַמענגעשטאָפּט, ווי אין שטאַלן די פי;

וואָס האָרעווען נאָר, אום צו מאַכן די גביר'ן
אַלץ רייכער דורך דעם, וואָס דעם אָרעמן פעלט,
און לאָזן זיך קירעווען, טרייבן און פירן,
ווי אָקסן אין סאָכע, ווי אָקסן אין פעלד. —

דערקלער זיי, איך בעט דיך, אַז זיי קענען מאַכן
אַ סוף צו דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסט,
און קוק ניט דאַרויף, טאָמער וועט פון דיר לאַכן
דער שקלאַף, וואָס פאַרלוימדעט דעם סאָציאַליסט, —

ווי איינעם וואָס וואַנדלט אין עולם-התהו
און איז נאָר מקנא די, וואָס זיי איז גוט,
וואָס וויל פון אַלץ מאַכן אַ תהו-ובהו,
און וויל זיך נאָר באָדן אין מענטשלאַכע בלוט.

דו האָסט אויף אַזוינעם, מיין פריינד, ניט צו קוקן:
אַזעלכער בלייבט אייביק אַן איינבילדונגס-קנעכט,
אַזעלכער טראָגט אייביק אַ לאַסט אויפ׳ן רוקן
און מיינט, אַז עס קען ניט זיין אַנדערש ווי שלעכט.

דו קוק ניט אויף קיינעם און פרעדיג די לערע
פון פרייהייט און גלייכהייט און ברידערלאַכקייט;
און זאָג זיי, אַז אַרבעטן וועט זיין אַן ערע
און ליידיק אַרומגיין אַ שאַנד מיט דער צייט.

האַלט הויך און האַלט ריין דיין פּרינציפּ און דיין פאָנע,
האַלט ביידע זיי הויך, און שריי: „ברידער דערוואַכט!"
פאַרקינדיק דעם אויפגאַנג פון דער ליכטיקער זאָנע
און ווייז זיי דעם סוף פון דער פינסטערער נאַכט.

.1885

די „צוקונפט“

אָ, די וועלט וועט ווערן אינגער,
און דאָס לעבן לייכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד; —
לאָז דאָס פאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פאַריאָגן דעם באַטריגער,
אים, דעם פוקס, און אויך דעם טיגער
פון זיין שיינעם וואַלד.

אָ, די וועלט וועט ווערן שענער,
ליבע גרעסער, שנאה קלענער,
צווישן פרויען, צווישן מענער,
צווישן לאַנד און לאַנד; —
לאָז די גלייכהייט נאָר באַזיגן
האָבזוכט, שופטעריי און ליגן,
לאָז דער מענטש נאָר ענדלאַך קריגן
מענטשלאַכן פאַרשטאַנד.

אָ, די וועלט וועט ווערן פרייער,
פרייער, שענער, אינגער, נייער,
און אין איר די וואַרהייט טייער,
טייער, ווי אַ פריינט; —
לאָז דער טוער זיך נאָר שטעלן
מוטיקן געגן די וואָס קוועלן
זיינע ברידער און געזעלן, —
מוטיק געגן פיינט.

אָ, די וועלט וועט ווערן דרייסטער
און עס וועט ניט זיין אַ מייסטער,

ניט די קרוין און ניט דער טייסטער,
ניט דעם זעלנער'ס שווערד; —
לאָז דאָס פאָלק זיך נאָר ניט באַנגען
פריש אַ הויב זיך צו דערלאַנגען,
און זיך נעמען — ניט פאַרלאַנגען —
רעכטע אויף דער ערד.

מוטיק ברידער, מוטיק שוועסטער!
אַט דער קאַמף, דער לעצטער, גרעסטער,
רופט אייך פון די טוכלע נעסטער
אויפ'ן פרייען פעלד; —
אַלזאָ, מוטיק אין די רייען,
אין די רייען, צו באַפרייען,
צו באַפרייען און באַנייען,
אונזער אַלטע וועלט!

.1892

אַ קאַמף-געזאַנג

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק-טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעט דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פיינט;

דאָ איז פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

ווישט אויס פון אַרבעטער-אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
לאָזט היינט קיין קול פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען אַרויס אויף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיקער פיינט;

מיר, — וועלכע ווילן די מענטשהייט פאַרברידערן;
ער, — וועלכער וויל אונז דורך שנאה צוגלידערן:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען, די רויטע,
וועקט די, וואָס שלומערן, זייענדיק שוואַך,
איינציקווייז נעמט זיי צונויף די צושפּרייטע,
זאָגט זיי: אונז רופט היינט די הייליקע זאַך
געגן דעם בלוטיקן פיינט;

אונז, דעם המון פון באַדריקטע, דאָך מוטיקע,
געגן האַבונעס, פאַרווילדעטע, בלוטיקע:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

אידעלאַך, איר זייט ביי אַלע נאַציאָנען
גרים און תושבים געוועזן צוגלייך,
זייט איצט ביי זיי אין די פּריוויהייטס־לעגיאָנען,
איצט, ווען עס שטייט געגן זיי, געגן אייך,
דאָרטן דער בלוטיקער פיינט;

ער מיט די פולקן פון מערדער געדונגענע
געגן די שקלאַפן אין קייטן צושפּרונגענע,
וועלכע באַפרייען זיך היינט.

וויקלט פאַנאַנדער די פאַנען, די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ הויב;
האַלט פאַר די אויגן די העלדן די טויטע,
דענקט אָן די אָפּער פון האַבזוכט און רויב,
היינט געגן בלוטיקן פיינט;

גיט אַריין קראַפט אַלע בלייבע, צווויגענע,
גיט אַריין מוט אַלע טיף־איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונז היינט!

„וועקער“ (לאָנדאָן), 23טן דעצעמבער, 1892.

דאָס ליד פונ׳ם לוין-שקלאַף*)

דער הימל געהערט צום רבונו-של-עולם,
צום פּריץ געהערט גאָר די ערד;
די גבורה ליגט היינט אין אַן אייזערנעם גולם, —
אַ כוח פון צענדליקע פערד.
די הייזער, די ברייזער, זיי זיינען ניט מיינע,
דעם ים האָט פאַרנומען די קרוין,
און אַלצדינג פאַרמעגן די איידעלע, פייַנע,
געהובעלטע הונדערט פאַרשוין.
מיין כוח, מיין מוח, מיין גוף, מיין נשמה
פאַרדינג איך, פאַרקויף איך דעם גביר.
איצט פרעגט איר, אין וואָס-זשע באַשטייט מיין נחמה,
וואָס בלייבט, דאַכט זיך, איבער פאַר מיר?

(כאָר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט,
די קאַמף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפט, און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

די ווּיסנשאַפט ליגט ביי אַ טוץ פּראָפעסאָרן,
די בילדונג — זי איז ניט מיין זאַך;

---

*) געווידמעט דעם „בונד" פון אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן, צום שלום פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

איך, אַרבעטער, ווער אָן אַ לשון געבאָרן,
און שטאַרב מיר אַוועק אָן אַ שפּראַך.
אַ ביסעלע „שול" וואַרפט מען צו מיר אַלס צדקה,
איך נעם עס און דאַנק זיי דערפאַר;
די רייכע, זיי האָבן אויף אַלץ אַ חזקה,
זיי שטאָפּן זיך — איך דאַר און קוואַר.
מיין קראַפט, און מיין זאַפט, און מיין לייב, און מיין לעבן—
דאָס אַלץ איז נאָר מיינס אויף פּאַפּיר.
איך לעב ניט צו לעבן, איך לעב נאָר צו געבן,
אַלץ גיב איך, און וואָס בלייבט פאַר מיר?

(כאָר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט,
די קאַמף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפט, און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

פון ליטעראַטור קריג איך קנאַפּ-וואָס צו נאַשן,
די קונסט איז דעם גביר'ס מאָנאָפּאָל;
די לופט אין די הייזער, דער וויין אין די פלאַשן,
די סאַמעט, די זיידנס, די וואָל.
אין באַנקן די שראַנקן, אין זיי די מטבעות,
די אוצרות געהערן צו אים.
איך צאָל אייביק מכס און זאָג ניט קיין דעות,
צום קלאָג נאָר באַנוץ איך מיין שטים.
מיין קינד, מיין געזינד מוז זיך אָפּט פון מיר שיידן

צו דינען דעם דאָזיקן גביר;
מיר גיט מען אַן אָנווייזונג אויפ'ן גן-עדן,

(כאָר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט,
די קאַמף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפט, און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

דער הימל געהערט צום רבונו-של-עולם,
צום פריץ געהערט גאָר די לאַנד;
די קצינים פאַרמעגן דעם אייזערנעם גולם,
איך דין דער מאַשין— בין איר האַנד.
די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פאַסן,
געשניטן כמעט פון מיין הויט,
באַשאַפן אַן אייגנם פון מילי-מיליאַסן
אין הייזער וואָס איך האָב געבויט;
אין ריזן-פאַבריקן, וואָס יענע פאַרמעגן,
געווינענדיק וואָס איך פאַרליר.
און דאָך איז מיין ענטפער, ווען איר וועט מיך פרעגן,
אַ שטייגער: וואָס בלייבט דאָ פאַר מיר?

(כאָר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט,
די קאַמף-לוסט בלייבט מיר איבער;

די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפט, און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

ניו יאָרק, יאַנואַר 1906.

פאָרווערטס, פאָראוים!

אין אַלע ריטמען וואָלט איך זינגען
צו וועקן דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלאָקן וואָלט איך קלינגען,
צו מעלדן דיר די צייט;
אין אַלע שפּראַכן וואָלט איך רעדן, —
אַ פלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַלן די געדאַנקען קליידן,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר.

איך וואָלט אין אַלע טירן קלאַפּן,
ביז דו וואָלסט מיך געהערט;
איך וואָלט ביי דיר דעם פולס דערטאַפּן,
מיר וואָלסט דו ניט געווערט.
און וואָלט דיין פולס זיך דאַן באַווייזן
אין אמת'ן נאָרמאַל,
וואָלט איך דיר דיין ירושה ווייזן
פון פערדינאַנד לאַסאַל.

איך וואָלט באַנוצט זיי, זיינע ווערטער,
און וואָלט געבאָרגט זיין שטים,
צו ברענגען ליכט אין טונקעלע ערטער,
אין הערצער פרייד דורך אים.
און דו, מיין פאָלק, וואָלסט מיט זיין בשורה
אַ וועלט באַזעלט, וואָס וואַרט,
באַרייט צום קאַמף, מיט ריזן־גבורה,
מיט דיר אַלס אַוואַנגאַרד.

.1910

ליריק

צו די קלוגע

איר מיינט אַז אַ מענטש איז ניט ניכטער,
וואָס גלויבט אין אַ בעסערע צייט;
איר רופט מיך אַ טרוימער, אַ דיכטער,
איר קלוגע, איר פּראַקטישע לייט.

איך וויל אַרום דעם היינט ניט שטרייטן,
לאָז זיין איך בין טאַקע באַרוישט, —
מיט אייך וואָלט איך פּאָרט זיך ניט בייטן,
וואָלט שכרות אויף גאָלד ניט פאַרטוישט.

און אויב זי איז ווירקלאַך אַ חלום,
די צוקונפט, פון וועלכער איך טראַכט,
דאַן גייט אייך, איר קלוגע, לשלום,
און לאָזט מיך דערטרוימען די נאַכט.

איר מעגט זיך אייך שווינדלען און רויבן,
אויב פינסטער פאַרבלייבט, ווי איר זאָגט,
און איך וועל באַרוישט זיין און גלויבן,
און טראַכטן אין טרוים אַז עס טאָגט.

„פרייע וועלט“, פעברואַר, 1892.

וואָלט איך . . .

וואָלט איך ווייניגער געפילט,
אָדער ווייניגער פאַרשטאַנען,
וואָלט מיין בלוט זיך אָפּגעקילט,
וואָלט מיין שמערץ זיך אויסגעשטאַנען.

אָבער איך וואָלט ניט געווען
גליקלאַכער ווי איך בין איצטער,
ווייל איך וואָלט געהערט, געזען
ווי אַ מענטש אַן אָפּגעניצטער.

אַן געפיל און אַן פאַרשטאַנד
קען מען ליידן זיך פאַרשפּאָרן,
האָבן וואוילטאָג אַלערהאַנד
און פאַרלענגערן די יאָרן.

אָבער איך וואָלט קיין מעת-לעת
ניט געקענט דעם נחת האָבן,
וואָלט באַטראַכט זיך ווי אַ מת,
וואָס דער קברן דאַרף באַגראָבן.

.1891

מיין שבועה

ווען איך בין פאַר פרייהייט אין תפיסה געזעסן
מיט יאָרן און יאָרן צוריק;
ווען איך בין געווען ווי אַ טויטער פאַרגעסן
פון פריינד, און פון ליבע און גליק, —
דאַן האָב איך געשוואָרן אַ הייליקע שבועה,
צו קעמפן פאַר וואָרהייט און רעכט;
צו אָפּערן יוגנט, און וואוילטאָג און רו,
די רוהע פון טעג און פון נעכט, —
כל זמן ווי דער מענטש וועט פאַרבלייבן אין קייטן,
די וועלט, זי וועט זיין אַן אסטראָג,
כל זמן ווי דעם אַרבעטסמאַן וועלן באַגלייטן
דער חשך, דאָס אומגליק, דער קלאָג.
דאָס האָב איך צוריק מיט אַ ריי פון יאָרן,
אין טורמע, פאַרשפּאַרט און פאַרמאַכט,
אין טונקעלער איינזאַמקייט, הייליק געשוואָרן —
און מיך האָט געהערט דאַן די נאַכט.
און דאַך ווען, אַז איך האָב גענומען דערפילן
מיין וואָרט צו דער הייליקער זאַך,
איז מעכטיק געוועזן אין מיר נאָר דער ווילן,
דער רעשט אָבער מורא'דיק שוואַך.

.1891

עס זעט זיך לאַנד

אונזער שיפעלע איז קליין,
און אונז פעלט אַ קאַפּיטאַן,
און מיר גייען גאַנץ אַליין
אויפ׳ן בייזן אָקעאַן.

שטאַרק איז אָבער אונזער רודער,
אונזער מאַסט און אונזער זעגל,
אוןביים רודער שטייט אַ ברודער,
פרייהייט שטייט אויף אונזער דגל.

און זי גייט, זי גייט, זי גייט,
לאַכנדיק פונ׳ם שטורעם-ווינד,
וועלכער ברויזט און בלאָזט און וויט,
וויל אונז מאַכען טויב און בלינד.

אונזער שיפעלע, די שוואַכע,
לאָזט דעם בייזן שטורעם בלאָזן,
נאָר אַמאָל פאַרלאַנגען ראַכע
די געערגערטע מאַטראָזן...

אָבער פאָרווערטס גייט עס פאָרט,
נעענטער, נעענטער ווערט דאָס לאַנד,
און מיר קומען אויף אַן אָרט
מאַן-ביי-מאַן, און האַנד-אין-האַנד.

„פרייע וועלט“, יאַנואַר, 1892.

אומגעדולד

איך ווייס, אַז לאַנגזאַם גיין איז זיכער,
איך ווייס, אַז פאָרזיכטיג איז קלוג,
איך ווייס, אַז דער וואָס וויל גיין גיכער,
גייט צייטנווייז ניט גיך גענוג.

איך ווייס ווי שווער עס איז צו שווימען
פאַר ניט געאיבטע קעגן שטראָם;
די סחורה דאַרפט איר מיר ניט רימען
פון שלמה - דוד'ס אַלטער קראָם...

און דאַך ווען איך באַטראַכט די צרות,
די וועלט ווי זי איז היינט געבויט,
דאַן טויג די חכמה אויף כפרות,
דאַן שפּרינג איך שיר ניט פון דער הויט.

און איך פאַרגעס דאַן די משלים,
די קלוגע ווערטער — שיין און קלאָר;
איך שיק די וועלט צו די טייוואָלים,
צו אַלע פינסטערע שוואַרץ-יאָר.

„פרייע וועלט", פעברואַר, 1892.

אַן עצה

ברודער, לאָז זיך פריינדלאַך פירן
דאָרטן, וואו דו ווייסט דעם וועג ניט,
היט זיך אָבער פון מאַרשירן,
וואו מען זאָגט דיר: גיי און פרעג ניט.

בעסער בלאָנדזשע, גיי אויף דערנער,
אָבער פאָלג אַ מענטשן בלינד ניט;
ווילסטו וויסן — זיי אַ לערנער,
דאָך באַטראַכט זיך ווי אַ קינד ניט.

ווער עס זאָל ניט זיין דער פירער,
ברודער, זיי קיין בלינדער שעפּס ניט,
פאָלג קיין פירער, קיין פאַרפירער,
ווי אַ בלינדער, דומער שעפּס ניט.

1891.

פּאַרטיי-פּאָליטיק

איך לאָז ניט פאַרצאַמען
מיין וועג דורך פּראָגראַמען,
איך קען קיין פּאַרטיי-מאַן ניט זיין;
איך קען מיין געוויסן
ניט בינדן און שליסן
אין ענגע שנוראָוועס אריין.

איך וויל ניט באַשרענקען
מיין מוח צו דענקען
אזוי ווי עס דענקט די פּאַרטיי;
איך קען אייך ליבּט געבן
א טייל פון מיין לעבן,
אליין אָבער מוז איך זיין פריי.

מיין „איך" מעג פאַרשווינדן,
אום זיך צו פאַרבינדן
מיט אייך, אויב איר האָט וואָס צו טאָן;
דאָך פריי מוז איך ווערן,
און ווידער געהערן
צו זיך — ווען די טאַט איז געטאָן.

„פרייע וועלט", יולי 1892.

*
* *

איר קענט מיט געוואַלד ניט
מיין ווילן באַצווינגען,
פאַרהילכן מיין קאַמף־רוף אין מיר;
מיין פייער ווערט קאַלט ניט,
און קען איך ניט זינגען,
דערהערט זיך אַן טענער מיין שיר.

קיין בליץ ניט פון אויגן,
קיין דונער פון שטימען,
מאַכט אָפהענטיק ניט מיינע הענט;
איר קענט מיך ניט בויגן,
איר קענט מיך ניט קרימען,
מיך ברעכן איז אַלץ וואָס איר קענט.

מאַי, 1916.

רעכטס אָדער לינקס

מיין גרייז גרויער קאָפּ,
ער ווערט אַלע טאָג עלטער;
האָט גערעכטיקייט האָלד
אָבער זיכערהייט העלטער.
דער אַלט-קלוגער קאָפּ
איז גענייגט צו גיין רעכטס:
ער אַליין איז שוין אַלט,
און זיין מח איז קאַלט,
לינקס זעט ער געפאַר,
לינקס זעט ער בלויז שלעכטס,
און ער גייט זיך דערפאַר
וואָס אַ טאָג אַלץ מער רעכטס,
גייט מיין קאָפּ...

מיין בלוט-יונגע האַרץ
זי ווערט קיינמאָל ניט עלטער;
האָט זיך זיכערהייט האָלד,
אָבער פרייהייט נאָך העלטער.
מיין לינק-יונגע האַרץ
לאַכט זיך אויס פון סכנות
לאַכט פון פיילן און בויגן
געשליידערטע פלינק
פאַרביי אירע אויגן.
צו פרייהייט'ס קרבנות
אויף דעם טייוול'ס אַלטאַר,
און זי ווערט זיך דערפאַר.
וואָס אַ טאָג אַלץ מער לינק,
ווערט מיין האַרץ...

* * *

אַ צוטומעלטער, איך
אַהין — אַהער שפּרייז;
היינט פּייער און פלאַם,
מאָרגן קעלטער ווי אייז.
אַ צוטומלטער מענטש,
גיי אַרויף איך, אַראָפּ,
אַמאָל מיט'ן הארצן,
אַמאָל מיט'ן קאָפּ.

צעטומלט

זינט איך האָב מיין הארץ פאַרלאָרן
איז מיין מח גאָר צעמישט;
ליכט און שאָטן — שטאַרק פאַרוואָרן,
גלאַנץ און פאַרבן דורכגעמישט.

ערד און הימל — געטער, שדים
אין איין אָרט, איין הויזגעזינט;
׳ך זע דעם קעלער אויפ׳ן בוידים,
בלאָנדזשע אין אַ לאַבירינט.

פוסט איז אין מיין קאָפּ, מיין בוזים,
און דעם שכל פון געהעפט
וואָלט פאַריאָגט איך, נאָר איך מוז אים
האָבן, ליידער! צום געשעפט.

מיין פּאָר טייבעלאַך

איך האָב אַ פּאָר טייבעלאַך שיינע,
זיי זיינען אַן ער און אַ זי;
זיי וואָלטן אַ דיכטער, ווי היינע,
פאַרזאָרגט מיט אַ סך פּאָעזיע.

ער וואָלט זייער אויסזען באַשריבן,
מיט ווערטער פון פּערל און גאָלד;
און אייביק באַרימט וואָלט געבליבן
דאָס בילד, וועלכעס ער וואָלט געמאָלט.

איך האָב ניט אַ פּעדער ווי זיינע;
אויך מאַך איך קיין ליד ניט וואָס רעדט
פון גליקלאַכע קינדער ווי מיינע,
דען איך בין אַ פאָלקס-ליד פּאָעט.

„פרייע וועלט“, יאַנואַר, 1892.

נעכטן, היינט און מאָרגן

אונזער נעכטן איז געוועזן ביטער,
אונזער היינט, איז אויך ניט זיס,
אונזער מאָרגן ברענגט נאָר נייע ריטער,
קייטן פאַר די הענט, די פיס.

יעדער טאָג איז פאַר זיין ברודער ערגער,
שרעקלאַך זיינען אַלע נעכט,
טאָג און נאַכט — זיי זיינען ביידע ווערגער
פאַר די פרייהייט און דאָס רעכט.

.1892

שטימען אין דער לופט

נעבל צוטראָגנדיק,
טונקל פאַריאָגנדיק,
וואָלקנס צושלאָגנדיק,
קומען אָן פיר
מענטשן-באַגליקנדע,
גייסטער אַנטציקנדע
לידער, דערקוויקנדע
שטימען צו מיר.

און יעדער קעסטלאַכער
זידלאַכער, וועסטלאַכער,
נאָרדלאַכער, עסטלאַכער
קול אין דער לופט
זינגט דיזע רעגנדע,
הערצער באַוועגנדע,
ליבלאַך אויפרעגנדע
ווערטער און רופט:

(דער קול פון מזרח)

גוטעס באַגערנדיק,
וואַרהייט פאַרערנדיק,
פריידיק באַלערנדיק
ביז דו ווערסט מאַט;
ליבע פאַרברייטנדיק,
אחדות פאַרשפּרייטנדיק,
פרעדיג, באַגלייטנדיק,
רייד מיט אַ טאַט.

(דער קול פון מערב)

שמערצן צו לינדערן,
נויט צו פֿארמינדערן,
שמאך צו פֿארהינדערן
זוך אוים אַ וועג;
לאָז ער באַשווערלאַך זיין,
לאָז ער געפֿערלאַך זיין,
קען ער נאָר ערלאַך זיין,
איז ער דיין וועג.

(דער קול פון צפון)

זיך אַליין לענקענדיק,
קיינעם ניט קרענקענדיק,
ביין ניט געדענקענדיק,
ווירק איבעראַל;
זאָל קיין באַליידיקונג —
ניט זיין אַ שעדיקונג
צו דיין פֿאַרטיידיקונג
פון אידעאַל.

(דער קול פון דרום)

פיר, ניט פֿאַרפֿירנדיק,
שרייב, ניט פֿאַרווירנדיק,
רעד און רעד רירנדיק,
שלעפֿער ניט איין;
לאָז ניט אַ גרעסערן,
אפשר א בעסערן,

מענטשן פאַרוועסערן
גייסטיקן ווײַן.

(אַלע איז כאָר)

ווייַנענדיק, לאַכנדיק,
טרוימענדיק, וואַכנדיק,
טוענדיק, מאַכנדיק,
טראַכט אַרום זיי, —
זיי, וואָס פאַרביטערן
אַלץ זיך, און פיטערן
שלאַנגען, און ציטערן
אייביק פאַר זיי.

אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג

אָ צופאַל, אָ שיקזאַל, אָ גאָט, — ווער דו ביסט,
נעם אַלץ פון מיר, נעם און גיב עס ניט ווידער,
נעם אַלץ, וואָס מיין לעבן דערפרייט און פאַרזיסט,
נעם אַלץ, אויב דיך ערגערט מיין גליק און פאַרדריסט.
נאָר לאָז מיר די ליבע צו זיי — מיינע ברידער!

אָ, לאָז מיר די ליבע! מאַך בלינד מיך און טויב
צו אָנגריפן בייזע, געדרוקטע, געזאָגטע,
דען אי ך קען נאָר לעבן כל-זמן ווי איך גלויב
אין זיי — מיינע ברידער, כל-זמן איך דערהויב
פאַר זיי די שטים מיינע, די אייביק פאַרקלאָגטע.

און אייביק פאַרקלאָגט איז מיין קול נאָר דאָרום,
ווייל איך פיל די שמערצן פון זייערע וואונדן.
אָ, לאָז מיר מיין ליבע! אָן איר בין איך שטום,
אָן איר איז מיין האַרץ אַ פאַרוויאַלעטע בלום,
אַ טורמע — די וועלט, וואו מיין גייסט ליגט געבונדן.

אָ, נעם פון מיר אַלץ, מיינע פריידן, מיין גליק,
נעם, גרויזאַמער שיקזאַל, אויב דו מוזט זיי האָבן!
נעם, — אויב זיי געהערן דיר — נעם זיי צוריק,
נאָר ווענד ניט פון פאָלק אָפּ מיין ליבענדן בליק: —
אָן ד ע ר ליבע בין איך אַ מת ניט-באַגראָבן.

אָ צופאַל, אָ גאָט — ווער דו ביסט — נעם מיין רו,
פאַרקירץ, אויב דאָס מוז אַזוי זיין, מיינע יאָרן,
נאָר שליס ניט מיין האַרץ פאַר'ן אַרבעטער צו,
נאָר לאָז פון זיין האַנט ניט קיין שטיין צו מיר צו,
פון אים, וועלכער איז אַזוי ליב מיר געוואָרן.

פון אים, וואָס זיין שטיין וואָלט דורכדרינגען מיין ברוסט,
אזוי ווי אַ פייל פון אַ פיינטלאַכן בויגן,
וואָלט מאַכן אַ חורבה פון איר, הייל און פּוסט,
נאָר לאַזנדיק אָרט פאַר אַ זיפץ מיט אַ הוסט,
אַ חורבה, דערפרייענדיק פיינטלאַכע אויגן.

נעם פריידן, גיב ליידן, נאָר ווענד אָפּ זיין שטיין,
נאָר לאָז מיך פון ז י י ן האַנט ניט ווערן געשטייניקט!
ניט לאָז אים, אָ שיקזאַל, צושטערן אליין
אַ ליבע פון יאָרן, אַ בונד שטאַרק און ריין,
וואָס האָט אונז געהאַלטן אזוי לאַנג פאַראייניקט.

„פרייע וועלט", סעפּטעמבער 1892. (געשריבן ווען די מיטגלידערשאַפט פון רעוואָלוציאָנערן בערנער־סטריט־קלוב אין לאָנדאָן האָט זיך צע־שפּאָלטן אין צוויי פיינטלאַכע לאַגערן).

אויף אונזערע קברים

ווען די פרייהייט וועט זיצן געקרוינט אויפ'ן טראָן
פון אַ גליקלאַכער וועלט און אַ מענטשהייט פון ברידער;
ווען די וואַרהייט וועט האָבן אַ פּלאַץ אויבנאָן
און אין תהום וועט זיין אַלץ וואָס איז איר צו־ווידער;

ווען דאָס רעכט וועט געליבט זיין, דאָס אומרעכט—פאַרהאַסט,
און ווען קיינער וועט קיינעם ניט קויפן, ניט דינגען;
ווען דאָס טאָן וועט דעם טוער ניט זיין מער צו־לאַסט
און ביים אַרבעטן וועט מען מיט פריילאַכקייט זינגען;

ווען ערפינדונגען וועלן פאַרצירן די וועלט,
ניט מער געבנדיק איינצלנע מענטשן מיליאָנען;
ווען מען וועט אונזער הייניקן שטרעבן נאָך געלט
ווי אַ חלום אַ בייזן מיט שרעקן דערמאָנען;

ווען די גלייכהייט וועט האָבן פאַרטריבן דעם נייד,
און די בילדונג וועט אויפגעקלערט האָבן די מאַסן,
ווען מען וועט ניט פאַרשטיין מער די איצטיקע רייד
פון רעגירנדע און פון געהאָרכנדע קלאַסן;

ווען די ליבע וועט האָבן פאַרניכטעט דעם האַס
און דאָס גליק וועט פאַרטיליקט האָבן קנאה און פיינטשאַפט,
ווען די גאַסן אין שטאָט און די הייזער אין גאַס
וועלן פול זיין מיט אייניקייט, ליבע און פריינטשאַפט, —

דאַן וועט זיצן אַ מאָל אין אַ ליבלאַכן קרייז
פון צופרידענע קינדער, געבאָרן אין פריידן,
אַ געלערנטער מאַן, אַן ערפאַרענער גרייז,
וועלכער וועט זיי דערציילן פון אונזערע ליידן:

ווי מיר האָבן געקוועלט זיך מיט דורות צוריק,
ווי מיר האָבן אָן אויפהער געקעמפט, ווען ער מעלדן,
ווי עס האָבן געוואָרגן די תליות, די שטריק,
די אַמאָליקע ערלאַכע, מוטיקע העלדן.

ווי עס האָבן געראַנגלט זיך איינינק די הענט
מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן שרעקלאַכן מאָגן
און צו מאַכן פון רויב און באַדריקונג אַן ענד,
וואָס זיי האָבן געטאָן און אַריבערגעטראָגן.

ווי דעם אַרבעטער׳ס אָרימע ווייב און זיין קינד
האָבן אָפט אָן דעם אייגענעם דלות פאַרגעסן,
און די וועלט צו באַפרייען פון פרעסערס געשווינד,
האָבן פרייוויליק גאַנצענע טעג ניט געגעסן.

ווי אַ לאַנג־לאַנג פאַרשאָלטענע אַלטע נאַציאָן,
וואָס איז אייביק געווען פון דער וועלט אָפּגעזונדערט,
האָט די פעלקער דערמונטערט צום ווירקן, צום טאָן
און איז ענדלאַך געוואָרן באַליבט און באַוואונדערט.

און די גליקלאַכע קינדער, פאַרזאַמלט אין קרייז,
וועלן אויפשטיין געררירט פון דעם אַלטן מאַנ׳ס ווערטער,
וועלן דריקן די האַנט דעם געאַכטעטן גרייז
און דאַן לויפן באַזוכן די הייליקע ערטער, —

בין השמשות געדאנקען

*
* *

פֿאַר דיר האָב איך קיין מורא ניט,
ליב־לעבנ׳ס בין השמשות;
דו האָסט פֿאַר מיר קיין שרעקן ניט,
אַ שאָטן אָן ממשות.

דעם קבר׳ס מויל מעג גניצן
געגרייט מיך צו פֿאַרשלינגען;
זיין בליק קען ניט באַגרעניצן
מיין לעבן, ליבן, זינגען.

און אוים גייט מיט׳ן גלויבן ניט,
דער קוואַל פֿון מיין נחמה;
און שיין קריג איך פֿון אויבן ניט:
מיר גיט אים מיין נשמה.

אין זיך טראָג איך מיין טעמפּל מיט,
מיין ברוסט איז זיין מזבח;
קיין אויל פֿעלט אין מיין לעמפּל ניט,
דער קטורת פֿעלט קיין ריח.

מיט ליכט קאַרגט מיין מנורה ניט
פֿאַר ליבלאַכע נפשות;
ניין, כ׳האָב פֿאַר דיר קיין מורא ניט,
ליב־לעבנ׳ס בין השמשות.

יאַנואַר 21, 1914.

נישט קשה

נישט-קשה!
אין פענסטער ביי מיר שיינט די זון נאָך אריין,
באַלייכט נאָך מיין פּנים, דערוואַרעמט די גלידער;
און מונטערקייט האָב איך אָן פּויקן, אָן ווײַן,
אין ברוסט טראָג איך פּיל ניט-געזונגענע לידער.

מיין לירע פאַרמאָגט אומגעשפּילטע מוזיק,
און מאַנכע כמעט ניט באַוואויגענע סטרונעס,
מיין בליק גייט ניט אימער אַהינטער, צוריק,
און שטעלט זיך ניט אָפּ ביי מצבות און טרונעס.

איך האָב נאָך פאַר עלנטע, שוואַכע אַ וואָרט,
פאַר מענטשן אָן האָפנונג אַ פריילאַכע בשורה,
און ווארעם נאָך האַלט איך אין הארצן דעם אָרט,
וואָס האָט געקענט ווערן פאַר ליבע אַ קבורה.

די עופ'עלאָך האָבן מיך אימער נאָך האָלד,
און איך האָב זיי אַלץ נאָך אַ טויזנט מאָל העלטער;
איך האָב פאַר זיי מעשיות פון גלאַנץ און פון גאָלד,
אַ וועלט וואָס ווערט קיינמאָל ניט קעלטער, ניט עלטער.

* *

נישט-קשה!
די זון מעג זיך נייגן אויף מיין האָריזאָנט,
און אפשר איין טאָג ניט דערהויבן זיך ווידער;
דערווייל איז איר שטראַל נאָך אי ווארעם, אי נאָהנט,
דערווייל זינג איך די אומגעזונגענע לידער.

ווער ווייס . . .

(פאַר יהואש — אַ מתנה)

איז דאָס אַ התראה פון יענער זייט לעבן?

* *

דאָס האַרץ אין חלשות — כסדר געמינטערט,
אַ שכל וואָס דרעמלט, אַ פרילינג פאַרווינטערט,
אַ זונענשטראַל מאַכטלאָז באַרוישונג צו געבן.
די ליבע, די שנאה ניט קאַלט און ניט הייס,
באַטייט דאָס: דער סוף פון׳ם אָנהויב פון סוף,
אָן אָנהויב פון לאַנגן, אומענדלאַכן שלאָף, —
איז דאָס אַ התראה פון יענער זייט לעבן?
ווער ווייס...

* *

און שטאַרבט אָפּ דער הייליקער פייערל, יענער
פאַנאַנדערגעבלאָזענער זעעלישער פונק,
וואָס האַלט אַלס אַ שטענדיקער, לייכטענדער ברענער,
אַלס ריינער נר תמיד מיין לעבן באַלויכטן,
געוואָרפן זיין שיין, ווי פון הימל אַ וואונק,
אין ווינקעלאַך פינסטערע, פינסטער פון דורות,
אין כמאַרעס פון קלויסטער-געשאַפענע תורות,
אַנטפּלעקט מיר דעם אמת, דעם לאַנג, לאַנג געזוכטן;

און גייט אוים דער דאָזיקער הימלישער פלאַם,
וואָס צינדט מיט זיין ליכט אָן אין מח גערדאַנקען,
די האָפנונג באַלעבט, ווייזט אַ ציל צו דערשטרעבן,
מאַכט גייסטפול און גייסטרייך דעם בשר ודם;

און גייט אוים די ליבע צום שוואַכן, צום קראַנקן,
צום פרייהייט-און-וויסן-באַגזל׳טן מאַן;

די פאָלקס-ליבע, אויב זי איז מער ניט פאַראַן,
וואָס שטייט אויפ'ן וואָך ביי די בלוט מיט די פלייש,
די שוועכלאַכע, מענטשלאַכע בלוט מיט די פלייש,
באַגלייטענדיק זיי דורכ'ן מדבר פון לעבן,
דורך טויזנטער געפאַרן אַלס עמוד האש;

און הויבט אָט דער מעכטיקער פלאַם אָן צו צאַנקען,
זיך וואַרפנדיק פיבערהאַפט, ווערענד ער לייכט
אַמאָל ווי אַ קראַפטלאָזע צינד-העלצעלע,
אַמאָל מיט דער מאַכט פון דעם אייביקן סנה, —
דער בראַנד וואָס קיין לעשער, קיין שפריצער דערגרייכט,

— איז דאָס שוין דער אָנהויב פונ'ם אויסלאָזן, ווער ווייס?
איז דאָס אין דער לופטן די פלעדערמויז שוין,
וואָס מעלדעט די נאַכט מיט אַ שטומען געוויין,
און קומט מיט די פליגלען באַדעקן מיין גוף?
איז דאָס שוין דער ערשטער געשעפּטשעטער רוף
פון אים מיט די טויזנטער גיפטיקע אויגן,
מיט בליקן, וואָס מאָרדן ווי פיילן פון בויגן?
איז דאָס די התראה פון יענער זייט לעבן?
ווער ווייס...

ניו יאָרק, ענדע אַפּריל, 1910.

ניט לאַנג . . .

(צו אַ קינד)

פון דער פרוכט פונ׳ם לעבנסבוים
פאַרלאַנג איך גאָר די זאַפט;
יעדער טראָפּן, יעדער טריף
זאָל גיין אין קריפט און קראַפט.

און פון יעדן זונענשטראַל
פאַרלאַנג איך גאָר דעם שיין;
גאָר דער ליליע׳ם ליבלאַכקייט,
דער רויזנדופט איז מיין.

יעדע איינציקע מינוט
אין לעבנ׳ס ראַשן גאַנג
זאָל די ליבע מיר, די לוסט
באַגלייטן מיט געזאַנג.

און אַ זיסער טרוים ביינאַכט
זאָל פאַרבן רויט דעם שלאָף...
קומען מעג דאָן ווער עס וויל,
און ווי ער וויל — דער סוף.

לאָז ער קומען, קינד דו מיינס,
און ענדיקן דעם שפּיל:
לעבן לאַנג קען יעדער לומפּ,
אַ קונץ איז לעבן פיל...

אָקטאָבער 11, 1914.

ביידע וועלטן

איך וויל מיין חלק עולם הבא,
און אויך מיין עולם הזה האָבן:
אויף יענער וועלט אַ ברוך הבא,
גלייך ווי איך שטאַרב און ווער באַגראָבן.
— איך וויל אַ ברייטן ברוך הבא,
ווי פאַר אַ רב, ווי פאַר אַ גבאי,
און דאָ — אַ שיינע קבורה האָבן.

* *

מיין פּאָרציע וויל איך פון לויתן,
מיין גאַנצן חלק שור-הבר.
און, לעב איך, וויל איך מיר אַ חתן
זיין שמחת-תורה, יעדן יאָר.

און צו פאַרטרייבן זאָרג און קומער,
דעם חתן גיט זיין גלעזל וויין;
אויך זאָל פונ׳ם יין המשומר
אַ כוס אויף יענער וועלט מיר זיין.

געשמאַכט גענוג האָב איך אין חדר,
אַהער מיין פּענעץ פוטער-ברויט!
חוץ דעם, אַ היסב-בעט צום סדר,
אַ קיטל דאַן און נאָכ׳ן טויט.

מיין קאָפּ מוז אויף אַ קישן ליגן,
און אונטער אים, צום שוץ, אַ שווערד;
און שטאַרב איך, מוזט איר זען צו קריגן
פאַר מיין צוקאָפּנס ווייכע ערד.

און שערבלאַך וויל איך אויף די אויגן
פון אַ געליבטער פרויענהאַנד...

און ד אַ ר ט ן מוז מיר זיין באַצויגן
די הימל-טיר מיט שוואַרץ געוואַנד.

און שאָפּען׳ס טרויער-מאַרש זאָל שפּילן
אויף מיין לויה ווער-עס-איז;
און דאַן וועל איך זיך ד אַ שוין פילן
דריי-פערטל אינ׳ם פּאַראַדיז.

און טרעפן זאָל אַ מלאך דומה
מיך העפלאַך, אָן דעם טאָן, דעם כעס
פון אַן אוריאַדניק, אַ בהמה,
וואָס פרעגט ביי אידעלאַך אַ פּאַס.

און צו מיין יאָרצייט זאָלט איר שטעלן
אַ ליכט, ניט שפּאָרנדיק קיין געלד,
אַ ליכט פון רעכטס, און וועט איר וועלן,
מעגט איר אויך קומען מעסטן פעלד.

און אויף מיין קבר זאָל, יאָר-יערלאַך,
אַרונטערטריפן אַזאַ טרער,
וואָס זאָל דעם טויט כמעט באַגערלאַך
אין לעבן מאַכן — אומגעפער.

* *

בקיצור, איך וויל עולם הבא,
איך וויל אויך עולם הזה האָבן:
אויף יענער וועלט אַ ברוך הבא,
גלייך ווי איך שטאַרב און ווער באַגראָבן,
— אַ פיינעם, ברייטן ברוך הבא
און דאָ — איך רוף דאָס עולם הזה;
באַשרייבט עס מיט אַן אַנדער פראַגע —
וויל איך אַ שיינע קבורה האָבן.

מיין איינציקער פאַרלאַנג

(צו יעקב גאָרדין)

מיין טאָג שטאַרבט אָפּ, מיין זון גייט אונטער,
דער אָוונט קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג;
די נאַכט — איר וואָלט איך טרעפן מונטער,
איר טרעפן גייסטיק אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נאָר געבן איין פאַרלאַנג:
אַ שיינעם, קלאָרן זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פאַרבן
אי העל, אי רויט: פון פלאַמען און פון בלוט;
אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבן,
קען טויטן, אָבער ניט פאַרדאַרבן,
און נעמט אַייך, און איר גייט אַוועק, און רוט,
און קומט צוריק מיט פרישע בלוט און גלוט.

מיט בלוט די מענטשהייט צו באַנייען,
די אַלטע מענטהייט דורך אַ נייעם דור;
מיט גלוט, צו שמידן די כלי־זין,
דעם גייסט, דעם ווילן צו באַפרייען,
און מיר אין טרוים צו ווייזן די וועלט קלאָר,
וואָס יענער דור וועט האָבן אויפ׳ן וואָר.

אַ וועלט באַזעצט מיט פריינט און ברידער,
מיט מענטשנליבע פאַר איר פונדאַמענט;
אַ גוף, וואו פעלקער זיינען גלידער,
קיין גליד דעם צווייטן ניט צו־ווידער,
וואו גלייכהייט האַלט צוזאַמען פרייהייט׳ס ווענט,
מיט ליבע אַלס איר איינציקן צעמענט.

אַ, דאַן וואָלט איך געבליבן מונטער,
מיר וואָלט ניט פאַר דעם טויטן טאָג זיין באַנג;
אַ גייסטיק־פרישער, אַ געזונטער
וואָלט איך אַרויפגיין, ניט אַרונטער, —
וואָלט איך נאָר קענען האָבן דעם פאַרלאַנג:
אַ שיינעם, העלן זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג אַ קלאָרן,
אַ שטערן־רייכן אָוונט אין זיין פּראַכט;
מיט פייגעלאַך וואָס פּיפּצענען אין כאָרן,
באַגריסנדיק דעם טאָג וואָס ווערט געבאָרן,
באַזינגענדיק די מענטשהייט וואָס ערוואַכט,
און דאַן — דו ליבע, זיסע וועלט, גוט נאַכט!

אויגוסט 9, 1906. (דער 50־סטער געבורטסטאָג פון מאָריס ווינטשעווסקי).

מיין שוואַנען-געזאַנג

עס קומען געדאַנקען פון טויט אויף דער עלטער,
ווי ס׳קומען אין אָוונט געדאַנקען פון שלאָף,
ווי ס׳קומען אין הערבסט, בעת די נעכט ווערן קעלטער,
געדאַנקען פון ווינטער, מיט פרעסט אָן אַ סוף.

און שווימען אין מח אַרויף די געדאַנקען,
דאָן מאָלט זיך ניט ווילנדיק אוים יענע שטונד,
ווען ס׳קומען געזעגענען זיך מיט דעם קראַנקען
די טויט-קאַנדידאַטן, דערווייל נאָך געזונד.

צוזאַמען מיט אַט די אין קרעכצפולן חדר,
דערזע איך אומשטערבלאַכע טויטע ביי זיך;
אַלץ אַלטע געליבטע אין אייביקע קליידער,
זיי שוועבן אָן פליגל, זיי גייען אָן שיך.

זיי דאַרפן ניט שיך, ניט סאַנדאַלן, ניט זאָקן,
זיי רירן ניט מער אָן די בלאָטיקע ערד;
עס קומט ניט צופוס אהער הלל הזקן,
ניט רייט ער, דער נשיא, אַריין אויף אַ פערד.

ער שוועבט אין דער לופטן אין זילבערנע רייני,
תכריכים פון זייד אין מיין צימער אַריין,
אַזוי קומען: בערנע, ביעלינסקי און היינע,
און שעללי דער מלאכ׳ל, ליבלאַך און פיין.

און בייראָן, דער געטלאַכער בעל מרה-שחורה
און מאָרים דער נביא פונ׳ם ערד-פּאַראַדיז,
און נעבן זיי ליבלינגע פיל פון דער תורה,
בן-עמרם אין מיטן — אַ גייסטיקער ריז.

יוגנט חלומות

(ליבע און לײדנשאַפט)

פאַרלאָרענער גן-עדן

דאַכט זיך, דערזעלביקער, בליענדער גאָרטן,
פול, ווי געווען, מיט פרוכט און מיט פראַכט
אייביק-יונג שטייט דער עץ חיים נאָך דאָרטן
דער עץ-הדעת שטייט דאָ נאָך פאַרטראַכט.

דאַכט זיך, דיזעלביקע פאַרעלע נאָרן
זעענדיק-בלינדע — אָן ער און אָ זי ;
ליבן נאָך אימער זיך, בענקען און גאָרן
שטרעבן צו לעבן און ווייסן ניט ווי.

דאַכט זיך, דיזעלביקע פייגעלאָך שפרינגען
דאָרט אויף די צווייגן אַרום מיט געזאַנג,
אַלץ ווי אַמאָל, ווייל בשעת יענע זינגען
כאַרכלט נאָך אימער דער גיפטיקער שלאַנג.

דאַכט זיך, דער אויבערשטער, היינט ווי פאַרצייטן
מאַכט זיך ניט זעענדיק בעת מאַן און ווייב
בייסן אין עפּל אַריין ; שטייט פון ווייטן
בעת עס באַהעפט זיך אַ לייב צו אַ לייב.

אַלץ ווי געווען, נאָר די בוימער, זיי ביידן
„חיים" און „דעת" פעלט היינט, דאָס איז קלאָר.
און מיר אַליין פעלט צום אַלטן גן-עדן
איצט די פאַרלאָרענע פאַר צענדליקער יאָר.

*
* *

מיר קומען צו חלום פאַרשטאַרבענע קוסן
פון יאָרן און יאָרן צוריק,
זיי שוועבן אַרום מיר צוקאַפּנס, צופוסן,
די עדות פון נעכטיקן גליק.

זיי קומען און וועקן אויף טויטע געפילן
און גראָבן זכרונות אַרוים,
וואָס האָבן געהאַט לאַנג אַ קבר אַ קילן
אין מאַמע צייט'ס אייזיקן שוים.

זיי רייצן מיט מיר זיך, די בלייכע טייוואַלים,
די שאַטנס פון נעכטיקן גליק;
זיי קומען, מיר דוכט, אויף להכעיס צו חלום
די קוסן פון יאָרן צוריק.

*

* *

אַלץ וואָס דאָס לעבן קען געבן,
אַלץ וואָס די ליבע קען נעמען,
נעם איך אַלס רעכט פונ׳ם לעבן,
גיב איך און דאַרף זיך ניט שעמען.

גיב איך און נעם זיך אַלס רעכט,
לעב אַזוי פיל ווי איך קען;
קלער ניט וואָס גוט איז וואָס שלעכט,
לעבעדיק צינד איך און ברען.

און ווען דאָס ברענען און צינדן
אוים איז — דאַן וואָלט איך אייך דאַנקען
פלוצלונג צו לאָזן פאַרשווינדן
מיין פלאַם, און ניט לאָזן עס צאַנקען.

*
* *

איך שטעל ניט אַ האַנט אוים נאָך ליבע,
און האָב ניט קיין מורא פאַר האַס,
און דאָך איז אַ לעבן אָן ליבע,
אָן משקה, אָן רייפן אַ פאַס.

איך שטעל ניט אַ האַנט אוים נאָך ליבע,
און האָב ניט קיין מורא פאַר האַס,
און דאָך מאַכט פון לעבן די שנאה
אַ גיפטיקן, העלישן שפּאַס.

איך וויל ניט קיין ליבעס-רחמנות,
אַנטלויף ניט פון׳ם גרימיקן האַס:
זיין צאָרן, ווי יענעמס נדבות
פאַראַכט אָן פאַרדרוס איך, אָן כעס.

*
* *

עס קומט מבקר-חולה זיין
מיין קראַנקע האַרץ דער קאָפּ,
ער ברענגט אַ שאַרפעס אויג מיט זיך,
אַן אויג אַ מיקראָסקאָפּ.

ער אונטערזוכט די ברוסט ביי מיר,
די קראַנקהייט און איר גרונד;
זיין בליק דערשפּירט די שמערצלאַכסטע,
די טיפסטע, טיפסטע וואונד.

ער שטעלט זיין דיאַגנאָזע קלוג,
ער רעדט אַ קלוגן שפּרוך,
ער טרייסט מיין האַרץ די בלוטענדע,
און אוים איז זיין באַזוך.

דאַן בלייבט אַליין די עלנטע,
און האַלט זיך מיט איר לייד;
ניט היילן קען אַ הערצנסוואונד
אַ צונג מיט קלוגע רייד.

*
* *

גערן וואָלט איך ווי שלמה המלך געלעבט,
ווי משה רבנו געשטאָרבן:
מיין לעבן אין הונדערטער לעבנס פאַרוועבט,
דעם טויט דורך אַ קוש מיר דערוואָרבן.

גערן וואָלט איך ווי שלמה המלך געלעבט,
ווי משה א תורה געגעבן;
ווי ביידע די מענטשן צו בילדן געשטרעבט,
די וועלט זאָל אין מיר זען איר רבי'ן.

דאָך גרעסער ווי שלמה המלך שיינט מיר
אַ שלמה וואָס איז ניט קיין מלך,
וואָס זינגט, אָן אַ האַרעם, פון שירים דעם שיר,
און מיט זיין פּאַסטושקע לעבט פריילאַך.

און גרעסער פון משה רבנו האַלט איך
אים משה'ן דעם פעלקער־דערלייזער:
ער שטייט געגן פרעה'ן און פרעה'לאַך זיך,
אים שרעקט ניט יעהאָוואַ דער בייזער.

און וואָלט איך ווי שלמה פיליכט ניט געלעבט,
געשטאָרבן וואָלט איך שוין ווי משה,
נאָר וואָלט צו אַ קוש איך פון די ליפּן געשטרעבט
ניט גראָד פון דער שכינה הקדושה.

*
* *

ווען איך וואָלט געווען יהושע בן־נון,
און ס׳וואָלטן געפאָלגט מיר די זון, די לבנה,
וואָלט אפשר איך אויך די לבנה, די זון
פאַרהאַלטן, דאָך גאָר מיט אַן אַנדער כּוונה.

ניט גבעון, און ניט אין אַילון דער טאָל,
פאַרלאַנגט ביי מיר ליכט פאַר אַ לאַנגע מלחמה;
פאַרקערט, איך וויל רו אין דער ליבע אַמאָל,
און טונקל וואָס לענגער באַדאַרף מיין נשמה.

איך דאַרף ניט קיין איבערנאַטירלאַכע טעג,
איך בעט ניט קיין ליכט פון דער זון, קיין דערוואַרמונג,
דער שטראָל פון איר פּנים לייכט מיר מיין וועג,
און וואַרעם גענוג איז מיין ליבסטע׳ס אומאַרמונג.

און וואָלט איך געווען יהושע בן־נון,
און ס׳וואָלטן געפאָלגט מיר די זון, די לבנה,
וואָלט איך זיי געבעטן — די לבנה און זון,
זיי זאָלן דאָס ליכט, זייער זיסע מתּנה —

באַהאַלטן ביי זיך ביז די ליבע ווערט קאַלט,
ביז איך מיט מיין גליק וועלן דאַרפן זיך שיידן;
ביז איך ווער פאַרטריבן דורך האַס, דורך געוואַלט,
דורך שנאה און אייפערזוכט פון מיין גן־עדן.

*

* *

זיי זיינען זיך דאָרטן געזעסן די צוויי,
דורך הערבסט-טעג און ווינטער-טעג, גייענדיק ראַש
און פּלוצלונג אַ שׂרפה דאָס הויז האָט ביי זיי
פאַרברענט, און איצט גראָבן זיך ביידע אין אַש.

ווייל דאָרטן אין אַש ליגט אַ דימענט פאַרשאַרט,
דער דימענט, ער ווערט ניט אין פייער פאַרברענט,
מען דאַרף אים נאָר זוכן, ער ליגט און ער וואַרט
אויף אים אָדער איר, צווישן חרוב'ע ווענט.

און דאָך צי'ס געפינט דער יואוועל זיך צי ניט,
צוויי זאַכן גיט נ י ט זיי דאָס לעבן צוריק:
ז י רעטעט פון בראַנד מער איר גלויבן שוין ניט,
אין פייער אויף אייביק פאַרלירט ע ר זיין גליק.

— הענריק איבסען.

*
* *

עס טרעפן זיך, שלינגען זיך ליפּן צוויי פּאָר,
צוויי מענטשן — איין לעבן, צוויי הערצער צוזאַמען;
צוויי שטימען אָן איינציק האַרמאָנישער טאָן,
איין איינציקער קלאַנג אין צוויי גראַמען.
איר העל־קלאָרער טייך אין מיין ים פליסט אַרונטער,
אַ שטראָם גייט אין וועלנרויש אונטער.

מיר שיידן זיך. אויס איז דער פלאַם פון'ם ליכט.
דער קלאַנג איז פאַרשאַלן, די פרייד איז געשטאָרבן;
אינ'ם וועלנרויש וואַרפט זיך פאַרלאָזן אַ שיף
געשטראַנדעט, פאַרוויסט און פאַרדאָרבן.
עס גייען אַליין מיט אַ גסיסה־העויה,
צוויי מתים אַליין צו זייער לויה.

מיר טרעפן זיך ווידער, מיר קומען צונויף
און גלייך לאָזט אַ שופר־משיח זיך הערן;
ניטאָ מער קיין גיהנם, אויס חורבן אין שיף,
ס'לייכט ווידער איין איינציקער שיין פון צוויי שטערן
עס שטייגט אויף אין יאָמערטאָל מיין הר־הזיתים,
מיין האַרץ שטייט אויף תחית־המתים.

*
* *

אָ, די פוסטע, קאַלטע, טונקל-גרויע ווערטער!
קיינמאָל, קיינמאָל ווערן זיי ביי מיר
פול ניט, וואַרעם ניט, ניט ליכטיק אין די ערטער,
וואו, אַלס גאַסט, דאָס גליק קלאַפּט אָן טיר,
וואו עס בעט ביי מיר
זיין בילד זיך אויף פּאַפּיר.

אָ, די בייזע ווערטער, נאָר פּאַר גיהנם-ליידן
האָבן היץ זיי, פאַרב און זונענשיין;
ווערן שטום און אייז-קאַלט ביים גן-עדן,
הערן אויף געהאָרכזאַם מיר צו זיין,
בעת ביים טיר די פרייד
וואַרט אויף דעם רוף: „אַריין!“

ווערטער אָנמעכטיק צום זינגען און צום זאָגן
דוקא בעת די האַרץ איז פול מיט גליק;
לעבן אָבער אָפּ ווען ס'קומט צום קלאָגן,
ווען עס גייט דאָס גליק אַהיים צוריק,
און אין אויג אַ טרער
מטושטש מאַכט דעם בליק.

*
* *

און ווידער אַמאָל איז זי שבעה געזעסן,
מיין אָרעמע ליבע אין האַרצן ביי מיר.
און ווידער אַמאָל האָט זי קריעה געריסן
נאָך האָפנונגען גרינגע, איצט בלייך ווי׳ס פּאַפּיר,
אויף וועלכן הײנט טרויערט מיין מוזע נאָך איר.

און ווידער אַמאָל שוועבט אַרום די נשמה
פון איר, וואָס מיין ליבע אויף אייביק פאַרלירט
זי שוועבט אין מיין האַרצן, היינט אויך אַ נחמה,
זי שוועבט ווי אין עולם התהו פאַראירט,
אַזוי ווי אַ שיפל פון שטורעם געפירט.

און ווידער אַמאָל ברענט אַ לעמפּל אַ קליינער
און ווייזט דער אבלה איר חושך אויף קלאָר;
און ווייזט דער אלמנה, מיין ליבע דער ריינער,
אַ מאַרכלאָזן מוח, די צוויי פון פּאָר,
אַ לעבלאָזן לעבן, דעם גאַרנישט פון גאָר.

*
* *

זיין וואָלט איך אַ קינדער־קעניג,
אין אַ קינדער־לאַנד,
מיט אַ קינדער־מיניסטעריום
אָן צופיל פאַרשטאַנד;
מיט אַ בלומען־טראָן אין וועלדל
אויף דער פרייער לופט,
אין דער האַנט אַ לולב-סצעפּטער
מיט זיין פרישן דופט.
און אַ קרוין וואָלט איך געטראָגן
אויך ניט פון מעטאַל.
אויך אַ שפּאַגע וועלכע קומט ניט
פון קיין אַרסענאַל.

און דער קעניג מיט די בירגער
וואָלטן זיך געשפּילט,
וואָלטן וועלדער מיט געלעכטער,
מיט געזאַנג פאַרהילכט;
און די ברעקלאַך־אונטערטאַנען
וואָלטן מ י ך רעגירט,
דאָך לאַז ווערן קאָלט די ליבע,
וואָלט איך רעזיגנירט.
ווייל די ליבע, זי אַליין נאָר,
מיט איר צאַרטער האַנט,
קינדער־פאָלק און קינדער־קעניג
פירט אין קינדער־לאַנד.

*
* *

איך ווייס, איך ווייס:
מען דאַרף די געפילן באַהערשן, באַשרענקען,
אַ טאָטן ניט טראָצן, אַ מאַמען ניט קרענקען.
איך ווייס, איך ווייס!
מען דאַרף רעספּעקטירן די מיינונג פון שכנים
און ווער רעדט פאַראַכטן — אַוודאי ניט קיינעם.
איך ווייס, איך ווייס!
דער מענטש אין זיין לוסט טאָר ניט זיין אַ חיה,
געוויס ניט, איר דאַרפט מיר ניט ברענגען קיין ראיה.
איך ווייס, איך ווייס!
מען דאַרף ניט באַגערן וואָס אַנדערע האָבן
און זיך בלויז אָן אייגענע ליבלאַבקייט לאָבן,
איך ווייס, איך ווייס!
אָ, יאָ, עולם־הזה פאַרגייט ווי אַ שאָטן
און ווער עס איז גוט, לעבט ווי גאָט האָט געבאָטן,
איך ווייס, איך ווייס!

* *

נאָר איך — איך ליב!
און קלוג ווי איך זאָל ניט די דומהייט באַדענקען,
קען איך מיין געפיל ניט באַהערשן באַשרענקען,
איך ליב, איך ליב.
און זע איך די ליבסטע, איר שמייכל דעם שיינעם,
פאַרגעס איך אָן לייטן, אָן קרובים, אָן שכנים —
איך ליב, איך ליב.
איך פיל נאָר דעם חן פון איר בליק, איר העזה,
איך ליב זי און פרעג ניט: בהמה צי חיה —

איך ליב, איך ליב!
ד׳ באַגער זי אַלם מיינע! ניט גזלה, ניט צדקה,
וואָס אַרט מיר צי האָט אויף איר ווער אַ חזקה —
איך ליב, איך ליב!
און פּירט אַזאַ ליבע דירעקט אינ׳ם גיהנם,
ווייל זי, מיין געליבטע, דאַרף לעבן פאַר יענעם —
דאַן — ברען איך און ליב.

אַ מוראדיקער נול

אָ, איך בליק אַן רענטגענשטראַלן
אין דיין הערצעלע אַריין;
אין דיין ברוסט איז יעדער ווינקל
פול פּאַר מיר מיט זונענשיין.

און איך לייען אַל' די סודות,
וואָס דו מיינסט, אַז דו פֿאַרשטעלסט;
דייטלאַך זע איך אַלץ, וואָס קוועלט דיך,
דייטלאַך אַלץ — פון וואָס דו קוועלסט.

דאָך איך לייען, לייען, לייען,
ביז די אויגן ווערן פול,
ביז ס׳ווערט יעדער אות מטושטש,
ביז ס׳ווערט יעדעס איינס אַ נול.

ביז איך דרעמל איין און חלום
פון אַ נול גרויס ווי די וועלט,
מיט אַ בלינדער זון אין מיטן
און אַרום אַ נאָרדפּאָל-קעלט.

*
* *

איינציק און אַליין, דו, שיינע,
ציכטיקע נשמה, רוסטו,
אָן אַ חבר'טע, אַ שכנה
רוסטו, לעבסטו אין מיין ברוסט דו,
איינציק און אַליין.

נייד און האַס האָסט דו פון דאָרטן
מיט דיין ריינעם הויך פאַרטריבן;
האָסט געמאַכט אַן עדן-גאָרטן
אין מיין האַרץ, געליבט, צו ליבן,
איינציק און אַליין.

דו אַליין, מיין צווילינג-זעל,
דו אַליין באַהערשסט מיין לעבן;
דו אַליין גיסט מיר באַפעלן,
דו אַליין קענסט פריידן געבן —
איינציק דו אַליין.

ליגנם

אונטער'ן געשטערנטן, הימלישן דאַך,
אין שטילע קילע ערטער,
ווערטער געגעבן האָט ער דיר אַ סך,
רק האָניק־זיסע ווערטער.
אָבער דיין ליבע האָט אים נאָר געפּלאָגט,
ליבלאַכע ליגנס האָט ער דיר געזאָגט.

אונטער'ן הימל־געוועלב, אין דער נאַכט
— אַן עדות די בלייכע לבנה —
קושן דיר הייסע האָט אָפּט ער געבראַכט,
מיט ליידנשאַפט פאַר אַ מתנה;
אָבער זיין האַרץ האָט דערפון ניט געוואוסט,
ליבלאַכע ליגנס האָט ער דיר געקוסט.

ווען אַ האַרץ וויינט...

ווען אַ האַרץ וויינט ז ע ט ניט קיינער:
הערצער גיסן ניט קיין טרערן;
ווען אַ האַרץ וויינט ה ע ר ט ניט קיינער,
ווייל עס לאָזט קיין קול זיך הערן;
וויינען טוען הערצער פיל,
נאָר בשתיקה, אין דער שטיל.

ס׳וויינט אַ האַרץ ווען ס׳לאַכט דער פנים
און דער ווייטאָק בלייבט באַהאַלטן;
ס׳וויינט די האַרץ און ס׳לאַכט דער פנים
און מען זעט ניט אַז ביים שפּאַלטן
זיך די פיל-געפּלאָגטע האַלט,
אַז זי שפּאַלט זיך אפשר באַלד.

* * *

I

ניט געטריבן האָט קאַטאָוועס
ע ר מיט א י ר אין יענער שטונד;
מיט זיין שווערד דער מלאך המות
האָט געמאַכט אַ טיפע וואונד.

און אַ טויטע איז געבליבן
אויפ'ן שטעל מיין לײדנשאַפט;
באַלד אין דר'ערד אַרײנגעטריבן
דורך אַ שטורעם'ס שטאַרקע קראַפט.

און באַגראָבן און באַשאָטן
ליגט די ליבע איצט אין גרוב,
מיט דעם ליים צונויפגעקנאָטן,
מיט די ווערים אין איין שטוב.

דאָ זיץ איך, אין האַנט אַ רידל
ס'וואַקסט דער קבר איבער איר,
זיץ און זיפץ מיין איכה-לידל
זיפץ מיין בית-הקברות שיר.

דאַן גיי איך אַוועק פון דאַנען,
גאָט אַ דאַנק — פון אַלץ אַ סוף...
ווער איז ערגעץ אויפגעשטאַנען
פון אַן ערד-באַדעקטן שלאָף?

II

דאָך אויף מאָרגן שטיי איך ווידער
מיט'ן רידל אין דער האַנד
ביי — אַ סקרוך גייט דורך די גלידער!—
ביי אַ פּוסטן קבר'ס ראַנד.

שליטה קען, ווייזט אויס, ניט האָבן
איבער איר קיין מלאך'ס שווערד,
און עס העלפט ניט דער באַגראָבן
ס'נעמט די טויטע ניט די ערד.

היינט לעבן מיר

צו אונז! אין די צענדליקער טויזנטער, קינדער!
אָן שנאה אין האַרצן, אָן קאַמף אין דער ברוסט!
ניט רופט היינט דער שטורעם, דער ברויזנדער, קינדער —
דער זונענשיין רופט אייך, דער פרילינג, די לוסט,
מאָרגן דערקלערט מען דעם שונא מלחמה,
היינט לאָז זיך לופטערן אונזער נשמה!

אַהער אין די מאַסן, די מעכטיקע קינדער!
די יונגשאַפט פון יעניקע שטראַלן באַגריסט;
די בליענדע יוגנט, די פּרעכטיקע, קינדער,
די שיינקייט מיט בלומענדופט פרישע, פאַרזיסט.
מאָרגן צום שטרייט מיט די שאַרפסטע כלי זין,
היינט נאָר די הערצער פון אומעט באַפרייען.

צו אונז קומט, צום יום־טוב דעם הערלאַכן, קינדער,
קומט איר עולי־רגל צום טעמפל פון גליק!
לאָז ווידער דעם טוער, דעם ערלאַכן, קינדער,
באַגעגענען אַ פריינטלאַכער, ליבנדער בליק.
מאָרגן די שברים, די תרועות, די תקיעות,
היינט גיט דעם לעבן, דער ליבע עליות.

קיין זיפץ היינט פון שקלאַפן געדונגענע, קינדער!
קיין קרעכץ זאָל פאַרשטערן דעם פריילאַכן טאָג,
קיין מיסטאָן אין לידער געזונגענע, קינדער,
קיין יזכור פאַר העלדן, פאַר טויטע קיין קלאָג!
מאָרגן אויף הייליקע קברים אַ קראַנץ,
היינט הערשט די לוסט, דער געזאַנג און דער טאַנץ!

15, 16, 6.

* *
*

לאַנגזאַם קרוישקעט זיך אַרוים
די ליבע פון מיין לעבן,
גייט אַוועק און נעמט מיט זיך
אַלץ וואָס זי האָט געגעבן.

ציט אַרוים מיט האַק און פּאַק,
מיט אַלע זיבן זאַכן;
גייט און לאָזט אַ לעבן נאָך
אַ פּוסטן, קאַלטן, פלאַכן.

לאָזט ניט איבער, גייענדיק,
אַפילו די נחמה —
דעם טויט — ווי׳ם לאָזט נאָך זיך דעם גוף
די שיידנדע נשמה.

זאָגט צומאָל ניט: „זיי געזונט!“
צו מיר און צו מיין מוזע;
גייט אַרוים פון לעבנ׳ם הויז
און קושט ניט די מזוזה.

מיין חורבן

איך זיץ אויף אַ שטיין ביי מיין כותל מערבי,
איך זיפּ דורך די אַש פון מיין איגענעם בראַנד;
איך זיפּ דורך די אַש דורך די פינגער פון האַנד,
די אַש פון מיין שרפה ביים כותל מערבי,
און זיפּ מיט׳ן זיפּ פון ירמיהו הנביא.

איך זיפּ, ווי פאַרצייטן דער קלאָגענדער זינגער,
ווי ער, ביי דעם חורבן, דעם ערשטן, ביים וואַנד,
ביים וואַנד מיט די אַש פון מיין שרפה אין האַנד,
ווי יענער, אַ קלעגלאַכער, קלאָגענדער זינגער,
זיפּ איך, נאָר עס ווערט אויפ׳ן הארצן ניט גרינגער.

עס ווערט אויפ׳ן הארצן פון זיפצן ניט לייכטער,
און גרוי, ווי די אַש אַרום מיר, איז די וועלט.
יע, גרוי און פון מדבר אַהער בלאָזט אַ קעלט,
אַ מזרח־ווינט וועהט, אַן אומפריינדלאַכער, פייכטער,
און ווידער אַ זיפּ, און ס׳ווערט אַלץ ניט לייכטער.

צוריק ברענגט דער ווינט לאַנג אַנטשוויגענע קלאַנגען,
און פלאַמען פון לאַנג שוין פאַרלאָשענע ליכט;
זיין אייזיקער בלאָז וואַרפט מיט כעס אין געזיכט
געשטאָרבענע האָפנונגען, טויטע פאַרלאַנגען,
לאַנג אַריבערגעקומענע זעעלישע דראַנגען.

אָט זיץ איך, אָט זיפּ איך אין שטורעם דעם קאַלטן,
זיפּ אַלץ דורך די פינגער די אַש פון מיין בראַנד,
און פלוצלינג דערשפיר איך אַ פערל אין האַנד,
אַ פערל פון יאָרן אינ׳ם חורבן באַהאַלטן,
אַ זכר למקדש פונ׳ם גלאַנץ, פון דעם אַלטן.

א פּערל באַליבט ביי בריליאַנטן אַרום אים,
בריליאַנטן און דימענטן, שכנים אין גלאַנץ;
אַמאָל אין אַ קרוין און אַמאָל אין אַ קראַנץ,
פּאַרצייטן אינ׳ם אפוד, ביים אורים-ותומים,
דערנאָך אין די פענסטער די שקופים אַטומים.

איך זיפּ דורך די אַש, און אַ פּערל אַזוינעם
דערטאַפּ איך אין האַנד, און איך טרוים אויפ׳ן וואָר
פון פּערל אַ שנירעלע, לויטער און קלאָר,
וואָס פלעגט אויף אַ האַלז, אַ געטאָקטן, אַ שיינעם,
ווים ווי אַלאַבאַסטער, באַזיידן זיין חן אים.

אַ האַלז פון אַ בת-מלכה, לאַנג שוין פאַרשוואונדן,
ווי לעבעדיק בליקט זי אין פּנים מיר איצט,
שטייט ווי אַ סטאַטוע פון מאַרמאָר געשניצט,
נאָר ס׳בליצן צוויי אויגן אין קאָפּ, אין דעם רונדן,
די אויגן וואָס האָבן מיין בראַנד אָנגעצונדן.

נאָר פּלוצלינג פאַרלעשט זיך דער פלאַם אין די אויגן,
די גאַנצע געשטאַלט גייט אַוועק ווי מיט רויך,
דער האַלז, מיט דעם שנירעלע פּערל, גייט אויך,
אין האַנד ווערט דער שיין פון מיין פּערל פאַרצויגן,
עס טרעפט מיך אין האַרצן אַ פייל פון בויגן.

* *

איך זיפּ פון דאָס נייַ די אַש דורך די פינגער,
די אַש פון דעם חורבן פון לעבן און לוסט;
קיין זכר, קיין שפור, און אין האַנד איז איצט פּוסט,
אין האַנד פּוסט, אין ברוסט, אויפ׳ן האַרצן ניט גרינגער,
ביים וואַנד זיצט און זיפּצט אַ קלאָגענדער זינגער.

יולי 13. 1916.

פארשידענעס

אין עולם התהו

I

עס וואַנדלען פאַרבלאָנדזשעטע, יונגע נשמות
אין עולם התהו אַרום;
פאַרגליווערטע זעלן אָן ליבע אָן שנאה,
ניט זינדיק, ניט גוט, און ניט פרום.

געטראָפן זיי האָבן די מיטאָגס־זונ׳ס שטראַלן,
און באַלד זיי די פליגלען פאַרברענט;
באַגעגענט זיי האָבן די ווינטן פון צפון —
מער האָט זיי קיין שטראַל ניט דערקענט.

צוזאַמענגעצויגענע קאַלטע נשמות,
ניט שטערבנדיק הויך אָדער ווייט,
אָט בלאָנדזשענען זיי, ווי אין וויסטע מדבריות
פאַרוואָרפענע, עלנטע לייט.

II

און, דאַכט זיך, זיי קומען פון כסא הכבוד,
ווי אַלע נשמות, אַרוים;
און האָבן אַמאָל זיך מיט כרובים, מלאָכים
גע׳חבר׳ט אין געטלאַכן שוים.

און האָבן געשפּילט מיט פמליא של מעלה,
און הינטער׳ן פרגוד געבליקט,
און אָפּטמאָלם דעם טעם פאַרזוכט פון גן־עדן,
מיט הימלשע פרוכט זיך געקוויקט.

אוּן נאָכדעם אַ — יונגינקע, שטאַרקע נשמות! —
סמאל, דעם בייזן, געטראָצט,
בשעת זיינע גיפטיקע, שפּיציקע אויגן
ער, שטן, אויף זיי האָט געגלאָצט.

בעת אָפן זיין מויל האָט געהאַלטן דער גיהנם,
פאַרשלינגענדיק לעבנס אָן צאָל,
אוּן יעטווידער בוים איז אַ תליה געוואָרן,
אוּן קברים דער באַרג אוּן דער טאָל.

אוּן נחת געקליבן פון זיי האָט דער הימל,
ביים טעגלאַכן שירה־געזאַנג,
ווען ס׳פלעגט זיך דערהערן פון זייערע שטימען
דער פרייער, דער מוטיקער קלאַנג.

ווען פונקען פלעגן שפּריצן פון זייערע שירים,—
די לידער פון פרייהייט אוּן רעכט,
אוּן ליכט פלעגן צינדן די הייליקע פונקען
אין פייכטע אוּן פינסטערע נעכט.

אוּן שטערן ביינאַכט אין די אויבערשטע ספערן
אויף זיי פלעגן בליקן מיט נייד,
אוּן פלעגן מקנא זיין זיי זייער שוועבן
אין לופט, ניט געצוואונגענערהייד.

III

היינט וואַנדלען, פאַרבלאָנדזשעט, די יונגע נשמות,
ניט גייען אַראָפּ, ניט אַרוף;
זיי קענען ניט ווערן קיין געטער־געשטאַלטן,
אוּן האַסן דעם מענטשלאַכן גוף.

און ס׳ווייכן די פוריען פון זיי ווי גראַפּן,
זיי האָבן קיין גאַל ניט, קיין חן.
זיי שוועבן אָן פליגלען, זיי לעבן אָן האָפנונג,
זיי שטאַרבן ניט מיאוס, ניט שיין.

יוני 11, 1911.

נאָכ'ן באַנקעט

ראַמט אַוועק די טויטע בלומען
פון געשטאָרבענעם בוקעט:
ס'וועט צוריק דער טאָג ניט קומען
צום פאַרגעסענעם פּאָעט.
ניט דעם יום-טוב, ניט דער ריח
פון אַ קראַנץ, מיט זיין פּערפיום.
אוים איז אַלץ, און פּוסט דער מוח,
און די וועלט, אַך, טויב און שטום!

נעמט די כוסות צו, די לעערע,
פון דעם אויסגעזופּטן וויין;
ס'קומט צוריק ניט מער די „עהרע",
ניט דער טרויבנזאַפט פון רהיין.
אַלץ איז ליידיק, קאַלט און טרוקן,
ווי דער כוס, דער בלומענשטרוים,
און די ליבע ווייזט אַ רוקן,
און עס גייט די פריינטשאַפט אוים.

נעמט אַראָפּ די לייכטער שנעלער,
מיט די לוסטרעס פון די ווענט:
ס'וועט שוין מער ניט ווערן העלער,
ליכט און לאָמפּ אַלץ אויסגעברענט.
אוים דער גלאַנץ, די קאָמפּלימענטן
פון דעם פּרעכטיקן באַנקעט,
ווי דער טרוים פון מאָנומענטן
ביים פאַרגעסענעם פּאָעט.

פון די נאָטן די געשטעלן
נעמט אויך צו, ווייל די מוזיק

איז פֿאַרהילכט, און ברענגען וועלן
אירע טענער ניט מער גליק.
אָפּגעצימבלט, אויסגעפּידלט
איז די פֿרייד אין די פֿיר ווענט;
ערגעץ זיצט אַ שד און לידלט
אויף אַ גיהנום־אינסטרומענט.

און די סאָפּע ניט פֿאַרגעסן,
טוט אים אַזאַ צער ניט אָן:
וואו זיין מלכה איז געזעסן,
שטייט אַן אָפּגעניצטער טראָן.
אַלץ איז אויס! ס׳וועט מער ניט זיצן
דאָרט זיין הערצענס־קעניגין;
ס׳וועלן אירע אויגנבליצן
ניט צעטומלען מער זיין זין.

איצט פֿאַרשליסט שוין טיר און טויער,
מאַכט די פֿענסטער־לאָדנס צו:
פֿאַר אַ קבר איז דער מויער
פֿיל צו גרויס צו געבן רו.
אויס פּאַלאַצן, מלוכה, מלך,
מלכה, טראָן און צויבערבליק,
די הדיוטים לעבן פֿריילאַך
אין אַ נאַרן־רעפּובליק.

יוני 6, 1911.

דוד'ס האַרף

I

מיט די שטערן שמו'סט ירושלים'ס שטילע נאַכט,
דאָ אין שלאָפּגעמאַך דער פענסטערל איז אָפן
און דער קעניג-זינגער, מיד פון שונאים-יאַגד,
איז זיך איינגעשלאָפן.

אויף די טענער-רייכע ליפּן בלאַנדזשעט אום אַ שיר,
שמאַכטנדיק נאָך דוד'ס האַרציק-זיסן ניגון;
אַרום זיין קאָפּ ס'שוועבט — מיט אַן אויג צום טיר —
דאָס געפליגלט ווערטל: „גאָט, ער איז מיט דיר,
מעגסט זיך רואיק ליגן."

און דעם אומבאַזיגבאַרן, אים האָט דער שלאָף באַזיגט,
האָט רעיונות פון מלחמות, פון געבעט צעמישט אים;
האָט צעטומלט די מזמורים, די נגונים, און ער ליגט,
ער, דער ריז-באַצווינגער, ווי אַן עופ'עלע פאַרוויגט,
וויים ניט פון קיין פלשתים.

שטערקט ניט איצטער אים צו זיי זיין שטאַרקע האַנט,
און פון וועלף זיין סטאַדע דאַרף ער ניט באַפרייען;
אַלץ איז רואיק, ווי זיין האַרף איצט אויף דער וואַנט,
ווי עס רוען, בעת דער פרידן הערשט אין לאַנד,
פּאַנצער און כלי זיין.

דוד רוט, אָבער ס'טאָר דער שלאָף ניט האַלטן לאַנג
גאָט'ס געזאַלבטן אין זיין מאַכט געפאַנגען:
וואַרט דער חיל ניט אויף אים, וואַרט דער געזאַנג,
בעת אַ מעכטיק וואָרט פאַר האָפנונג און פאַרלאַנג
אין כלי-זמר קלאַנגען.

אָבער אויפוועקן ווער וואָגט דעם דיכטער־העלד?
וועמען זאָל מען שיקן? וואו געפינט מען איינעם?
יואָב׳ס גבורה שווייגט, מאַכטלאָז איז דאָ געלד,
ראַטלאָז אחיתופל׳ס חכמה אויפ׳ן פעלד,
ס׳שווייגן אויך די זקנים.

שיקט דער הימל צו דעם מיטל וואָס מען דאַרף
דורכ׳ן פענסטערל, וואָס שטייט אַלץ אָפן:
ס׳בלאָזט דעם ראַט אַריין, אַן ווערטער קלוג און שאַרף,
בלויז אַ שטומער ווינט, באַרירנדיק די האַרף,
בלויז אַ ווינט פון צפון.

ס׳רירט דער צפון־ווינט די צאַרטע סטרונעס אויף,
און באַוועגט זיי מיט אַ וואונדערבאַרן כח,
און דער ווינט אַליין, ער שפּילט אַ ניגון אויף,
באַלד איז דוד וואַך, הויז פאַרהילכט און הויף
פריש אַ למנצח.

נאַכט פאַר נאַכט קומט דיזער ווינט־און־האַרפן־שפּיל,
נאַכט פאַר נאַכט דער ווינט ווען ס׳באַגינט צו טאָגן,
וועקט די שטילע נאַכט, וואָס חלומ׳ט אַזוי פיל,
וועקט דעם זינגער־פירשט וואָס חלומ׳ט אַזוי שטיל,
וועקט צום זינגען, זאָגן.

II

„למה רגשו גוים, ולאמים יהגו־ריק?"
ס׳לעבט אין פאָלק דער שיר ווען ס׳שטאַרבט ירושלים,
און דורך הונדערט דורות, אין צרות און אין גליק,
וועקט און טרייסט דער מזמור, און ס׳הילכט אָפּ צוריק:
„דוד חי וקים!"

לאַנג, לאַנג שלאָפט ער איצט זיין אומגעשטערטן שלאָף,
ס'קען אים מער קיין ווינט, עס קען זיין האַרף ניט וועקן!
איינגעפאַלן איז זיין סוכה, און צעשפּרייט זיין שאָף,
טורעם־שטאַלץ און טעמפּל־גלאַנץ, פון אַלץ צו אַלץ אַ סוף
דורך גאָט'ס האַרטן שטעקן.

אָבער ערגעץ־וואו געפינט זיך עד היום
יענע וואַנט, אויף איר די האַרף מיט אירע סטרונעס;
אשור, פלשתים—לאַנג שוין האָט פאַרפלייצט זיי דער שטראָם,
און מיט זיי פאַרטראָגן אינ'ם טיפן תהום
געטער און אמונות.

דוד'ס האַרף זי לעבט נאָך, ס'לעבן קלאַנג און קול,
נאָר פון צפון ווען אַ ווינט אַ בייזער קומט צוטראָגן
אַלץ וואָס אין דער אומה רירט זיך נאָך אַמאָל,
לאָזט זיך דוד'ס האַרץ פאַרנעמען מאָל פאַר מאָל,
הויבט זי אָן צו קלאָגן.

יולי 6, 1912.
מאָנטיסעלאָ, ניו יאָרק.

פערדינאַנד לאַסאַל
(1825 — 1864)

(צו זיין 25 יאָריקן יאָרצייט, געפּייערט דעם 31טן אויגוסט, 1889)

.1

לאַסאַל, זאָגט איר, טויט? שוין אַ פערטל-יאָרהונדערט,
דערציילט איר מיר — ליגט ער אין דר'ערד?
דער מאַן וועלכן אַרבעטסלייט האָבן באַוואונדערט,
און אויסבייטער האָבן מיט שרעקן געהערט?
דער מעכטיקער וועקער, אַ קינסטלער אין שפּראַך,
דער אַרבעטער-פריינט און דער פעלקער-טריבון?
דער פרעדיגער פאַר אונזער הייליקער זאַך,
וואָס אים האָט די גלייכהייט גערופן: מיין זון,
וואָס אים האָט די וואַרהייט גערופן מיין ברודער
און — פאָטער, דער אָרעמער עלנטער מאַן;
ער, וואָס האָט געמאַכט אין דער וועלט אַ גערודער,
באַקעמפנדיק יופּיטער ווי אַ טיטאַן:
פאַרשפּרייטנדיק ליכט און דאָס הייליקע פייער
אין פינסטערע ערטער, אין ערטער פון קעלט,
און וואָס האָט געוויזן דעם וועג צו זיין פרייער,
דעם וועג צו אַ נייע און הערלאַכע וועלט;
ער, וואָס האָט באַקעמפט וואָס איז שלעכט און פאַרדאָרבן
ביז ער איז געפאַלען פאַרמאַטערטהייט —
איז ע ר — מיינט איר — אין פיר-און-זעכציק געשטאָרבן?
— לאַסאַל איז אַ פערטל יאָרהונדערט שוין טויט?
וואָס רעדט איר? אַ מאַן ווי דער מאַן קען ניט שטאַרבן;
אַ מאַן ווי לאַסאַל קען ניט, טאָר ניט זיין טויט!
ווען אַרבעטסלייט אָרעמע קוועלן זיך, דאַרבן,
און לעבן אין מאַנגל און שטאַרבן פון נויט;

ווען אומעטום הערשן דעספּאָטיש טיראַנען —
טיראַנען געקרוינטע, טיראַנען דורך געלד,
זאָל ליגן אין דר'ערד אַ טיטאַן פון טיטאַנען?
זאָל ליגן באַגראָבן אַ מעכטיקער העלד?
ווען מאָרד-לוסט אין מענטשנגעשטאַלט זיצט אויף טראָנען,
פאַרגיסנדיק בלוט, אָדער צאַפּנדיק בלוט,
און אומעטום ליגן אין שרעק די נאַציאָנען,
די אונטער אַ סצעפּטער, די אונטער אַ קנוט;
ווען אַחדות געפינט זיך נאָר איין אין אַסטראָגן,
און מענטשלאַכע גלייכהייט — נאָר אונטער דער ערד;
ווען וואַרהייט איז שעדלאַך צו הערן, צו זאָגן,
און ליגנס פאַרשימלטע ווערן פאַרעהרט;
ווען אומעטום שמאַכטעט די פריהייט אין קייטן,
פון פאָרטוגאַל ביז צו די בערג פון אוראַל;
ווען טויזנטער באַטריגער די פאַלשקייט פאַרברייטן
זאָל בלייבן די מענטשהייט צושיידט פון לאַסאַל?

אוממעגלאַך! יאַ, אמת עס ליגט אין אַ קבר
אין ברעסלוי דער גוף פון דעם הערלאַכן מאַן,
דער שטערבלאַכער טייל פון דעם מאַן, יעדער אבר —
זיי ליגן באַגראָבן אין עטלאַכע שפּאַן
פון ערד, פון דער ערד אונזער אַלעמענס מוטער,
וואָס נעמט אַלע קינדער אַריין אין איר שויס,
אַפילו די וועלכע גיט ניט קיין פוטער,
קיין שפּייז ניט ביים לעבן, קיין קלייד ניט, קיין הויז.
יאַ, אמת, דער קערפּער ליגט לאַנג שוין באַגראָבן,
דער אָדלער-בליק לייכט אין די אויגן ניט מער,
דער צונג אין מויל, וואָס פאַר זיין אויסשפּראַך האָבן
געציטערט די הערשער מיט זייער געוועהר;
דער צונג, וועלכער האָט אין די הערצער געצונדן
אַ פייער פון קאַמף-לוסט ביי אָרעמע לייט,

אַ העלישן פייער פון ברענענדע וואונדן
ביי די וואָס ערוואַרטן מיט שרעקן דעם שטרייט —
דער צונג, דאָס איז אמת, איז לאַנג שוין אָן רעגונג,
די שטימע איז שטום און פאַרשאַלט די מוזיק,
אַזוי ווי דער גאַנצער גוף ליגט אָן באַוועגונג,
און ווי אין די אויגן איז פינסטער דער בליק.

און דאָך טריאומפירסטו אומזיסט, קאַפּיטאַל:
עס לעבט אין דער וועלט נאָך דער גייסט פון לאַסאַל,
ער לעבט און ער גרייט צו דיין פאַל,
דיין שטורץ און דיין פאַל איבעראַל!

.2

דאָס יאָהר אַכט־און־פערציק פון אונזער יאָרהונדערט
האָט פלוצלונג די אַרבעטער־מאַסן געבראַכט
צום זינען, און האָט אומעטום זיי דערמונטערט,
צו שטרעבן מיט האָפנונג, צו קעמפן מיט מאַכט,
פאַר פרייהייט און גלייכהייט, פון פעלקער און ראַסן,
פאַר ברידערלאַכקייט פון נאַציאָן מיט נאַציאָן,
און דאָס וואָס פאַרקינדיגט געהאַט האָט די מאַסן
די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, —
האָט שנעל צו פאַרווירקלאַכן איצט אָנגעפאַנגען
דאָס יאָר אַכט־און־פערציק מיט פייער און מוט.
און אָט דער פּראָצעס איז דאַן פאָרווערטס געגאַנגען.
פון שטונדע צו שטונד׳, פון מינוט צו מינוט.
ביז דער פּראָלעטאַריער האָט קלערער און קלערער
זיין ביטערע לאַגע גענומען פאַרשטיין,
און דאָס וואָס די איידלסטע פון זיינע לערער
אים פריער געזאָגט האָבן, האָט ער אַליין
גענומען מיט שׂכל און גרינדלאַך באַטראַכטן,

באַטראַכטן און נעמען צום האַרצן — און דאַן...
איז ער, וואָס מען פלעגט אים געוויינלאַך פאַראַכטן,
געוואָרן אַ העלדישער קעמפּער, אַ מאַן!
„צום קאַמף! צו די וואָפן!“ האָט ער אויסגערופן,
„דאָך... האַלט!“ — זאָגט ער— ווער וויל זיין מיין גענעראַל?
— „איך“ — האָט אים פון ווייטן אַ מאַן צוגערופן —
„איך פיר דיך צום זיג!“ — און דער מאַן איז לאַסאַל.

און ער איז געשטאָרבן?

אָ ניין, עס איז נאָר פאַרשוואונדן
געוואָרן פון אונז זיין פאַרמאַטערטער גוף,
דאָך לעבט נאָך זיין גייסט, וועלכער האָט אונז פאַרבונדן,
עס הערט זיך נאָך היינט זיין געוואַלדיגער רוף.
עס לעבט דער געשטאָרבענער פרייהייטס-טריבון
אין אַלעמענס הערצער, ביי פריינט און ביי פיינט,
נאָר אונטערגעגאַנגען איז ער ווי די זון,
וואָס וואַרט אָפּ די נאַכט און קומט ווידער און שיינט.

ער לעבט, יאַ, ער לעבט און באַלעבט און באַגייסטערט
נאָך היינטיקן טאָג יענע עלנטע לייט,
וואָס איבער זיי האָט מען געהערשט און געמייסטערט
אַזאַ שרעקלאַך לאַנגע און פינסטערע צייט.
ער לעבט און באַלעבט אַלע אָרעמע, שוואַכע,
ער לעבט און ער גיט אין די אַרבעטסלייט מוט,
צו נעמען פון זייערע אויסבייטער ראַכע
פאַר פרייהייט געראַבטע, פאַרגאָסענעם בלוט.
ער לעבט און ער זאָגט: —

פּראָלעטאַריער, ניט אימער
וועט אייערע אַרבעט דערנערן דעם שופט;

ניט אייביק וועט מען אין איין איינציקן צימער
פארשפארן פאמיליען אן ליכט און אן לופט;
ניט אייביק ווע טאיר אין די גאסן גיין זוכן
אן ארבעטער-דינגער צוליב א שטיק ברויט;
ניט אייביק וועט איר אין די גאסן גיין זוכן
ווען אייך ווערט געבארן א קינד אין דער נויט;
ניט אייביק וועט יעדע פון אייערע טעכטער
באדינען דעם רייכן, זיין טאכטער, זיין זון;
ניט אייביק וועט ליידן דער מאן דער גערעכטער
און דינען אלס רעכטלאזער קנעכט ביים האבון;
ניט אייביק וועט ארעמע שיינקייט פארקויפן
דעם גוף און די ערע אין גאס צוליב געלד;
ניט אייביק וועט ארעמע מענער-קראפט לויפן
דערמארדן פאר געלד פרעמדע יוגנט אין פעלד;
ניט אייביק וועט פעלקער צעטיילן א גראבן
און מאכן פאר שונאים נאטירלאכע פריינט;
ניט אייביק וועט ארבעט דעם טוער באגראבן
און מאכן זיין לעבן א לאסט אים — ווי היינט;
ניט אייביק וועט גאלד איבער מענטשן רעגירן,
וואו יעדערער שטייגט דורך דעם אנדערנ'ס פאל;
ניט אייביק וועט אומרעכט, וועט רויב עקזיסטירן,
ניט אייביק! — שרייט צום פראלעטאריער לאסאל, —
לאסאל דער געשטארבענער, וועלכער נאך לעבט,
לאסאל דער באגראבענער, וועלכער באלעבט.

3.

און ווען די צייט,
די נייע צייט,
די פרייע צייט,
וועט קומען, —

מיט דאַנקבאַרקייט
טראָגט, אַרבעטסלייט,
פון נאָענט און ווייט
קרענץ בלומען,

אויף יענעם אָרט,
וואָס עס רוט דאָרט,
ער, וואָס זיין וואָרט,
זיין ריידן
האָט אייך געמאַכט
פול מוט און מאַכט
און האָט געבראַכט
אייך פריידן.

ווען איר ווערט פריי
פון טיראַניי,
פון רויבעריי
אין לעבן;
ווען איר ווערט רייך
אין פרייהייט גלייך,
געדענקט וואָס אייך
געגעבן —

האָט ער, דער העלד,
וואָס האָט באַזעעלט
אייך און ערהעלט
די גייסטער,
און איינגערייט
דעם גרויסן שטרייט
פון אַרבעטסלייט
און מייסטער.

טראָגט אים דאָרום
אַהין אַ בלום
פון אומעטום
מיט ליבע
דאָרט וואו ער רוט,
ער וואָס זיין מוט
איז אייער גוט
געבליבן.

אַן „אימער-גרין“
זאָלט איר אַהין,
איר, זיינע זין,
אים ברענגען.
און דאַן אַ ליד,
אַ פרייהייטס-ליד,
אַ זיג-ליד
דאָרטן זינגען.

„ארבעטער פריינד“, 30טן אויגוסט, 1889.

מאַרקס דער זיגער

(צו זיין 25טן יאָרצייט, 13טן מערץ, 1908)

קיין איבערמענטש, קיין אונטערגאָט און קיין פּראָפעט,
איז ער צו מענטשנקינדער נאָר אַלס מענטש געקומען;
קיין גאָט-געזאַלבטער, קיין באַלאָרבערטער פּאָעט,
האָט ער — דער מאַן — אַ שפּראַך אָן בילדער און אָן בלומען,

אַ מענטשנשפּראַך, אַ דענקער־לשון נאָר גערעדט,
דערמיט אָבער גאָט מאַמאָנ׳ס פעסטונג איינגענומען, —
די תּפיסה, וואו דער מענטש דעם ברודער זיינעם טרעט,
וואו אין אַ גרוב פון גאָלד זיין גייסט איז אומגעקומען.

קיין איבערמענטש; אַ מעכטיקער נאָר דורך זיין וויסנסמאַכט,
האָט ער, וואָס האָט אליהו׳ס מאַנטל ניט געטראָגן,
אָן משה׳ס שטעקן, אָן שמשון׳ס גבורה אין דער שלאַכט,

און אָן אַרמייען, לייכט די שוואַרצע קראַפט געשלאָגן,
צוטרייבנדיק די חושך־ברואים פון דער נאַכט,
און מיט זיין העלען גייסט באַגינענדיק צו טאָגן.

פריעדריך ענגעלס

(28 נאָוועמבער, 1820 — 5 אויגוסט 1895)

דער צווילינגסברודער פון דעם גרויסן גרינדער
פון אונזער תורה, דורך וועלכע „איך און דו“
פארוואנדלען זיך אין „מיר“, און מענטשנקינדער,
גערויבט פון מענטשנזין, פון אלץ, וואס גיט צו

מוט צו באקעמפן יעדן שופט און שינדער,
וואס שינדן שפילנדיק מיט אונז אין בלינדע קו,
זיי אלס פארבלענדער און דאס פאלק אלס בלינדער,
— דער גרויסער ענגעלס גייט היינט אין זיין רו.

זיין צווילינגסברודער, זיין קאמעראד-אין-וואפן,
זיין מארקס, וואס האט אונז אין דער וויסטעניי
געמאכט פאר מענער פון באדריקטע שקלאפן,

און לערנענדיק צו לעבן ברידערלאך-געטריי,
עמפפאנגט אים היינט, און אונז, דעם פאלק דעם שלאפן,
לאזט ער זיין מעכטיק ווערק צו ווערן שטארק און פריי.

דער „אמת“ (באסטאן), 16טן אויגוסט, 1895.

נאָך ק. גאלאפּ — א סאָנעט

(קורץ נאָך זיין טויט)

ער רוט! פאַר דער צייט פון יסורים געטריבן
אין קבר אריין, ליגט ער טויט פאַר דער וועלט
נאָך אימער געליבט, דאָך שוין מער ניט געקוועלט,
אליין ניט מער פייאיק צו האַסן, צו ליבן.

ער רוט, ער וואָס איז ביז צום ענדע געבליבן
באַגייסטערט פאַר פרייהייט, פאַר וואַרהייט באַזעלט,
ער רוט, און דעם אידישן אַרבייטסמאַן פעלט
דער פריינט, וועלכער האָט אים געפירט און באַשריבן.

ער רוט, נאָך אַ דאָפּעלטן קאַמף און אַ לאַנגן
מיט׳ן שונא פון פאָלק און מיט׳ן שונא פון ברוסט,
פון ערשטן געיאָגט און פון צווייטן געפאַנגען;

ער רוט אַ דערשטיקטער פון בייז און פון הוסט,
פונ׳ם קאַמף, וואָס אין אים איז ער מוטיק געגאַנגען
אַן אָפּפער פאַר פרייהייט, געאָפּפערט מיט לוסט.

יאנואר 28, 1892. „פרייע וועלט“, פעברואר, 1892.

ווענן אים — ק. גאלאפּ

װאָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פאַרלוסט,
זאָג אומבאַרמהערציקער טויט?
ניט שוין האָבן אונזערע שמערצן דיין ברוסט,
די שוואַרצע ברוסט דיינע דערפרייט?

װאָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פאַרלוסט,
זאָג, גרויזאַמע שטיפמאַמע ערד?
ביי דיר איז ניט פולער, ביי אונז אָבער פוסט,
עם ראַסט אין דיין שייד אונזער שווערד.

װאָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פאַרלוסט,
זאָג, ווייסע מגפה, דו, זאָג?
ניט-שוין האָסטו פריידן געפונען און לוסט
אין אונזער אומענדלאַכן קלאָג?

זיי שווייגן, די שווינדזוכט, די ערד און דער טויט,
זיי האָבן קיין הארץ ניט, קיין זין;
אַזוי ווי עס שווייגט איצט באַגראָבענערהייט,
באַשאָטענערהייט — קאָנסטאַנטין.

„וועקער" (לאָנדאָן), 13טן יאנ. 1893 (צו גאלאפּס ערשטן יאָרצייט).

צו יעקב גאָרדינ׳ס ערשטן יאָרצייט

(אַ חלום אויפ׳ן וואָר)

ער איז שטיל.
ניט אַ זילבע פון זיין מויל,
ניט אַ בליק פון זיינע אויגן;
ד׳ ווייס, עס איז צום רעדן פויל,
ווערטער פלעגט ער אָפט פאַרבויגן.
אָבער ס׳האָט דאָך אַלץ אַ שיעור,
„גיב אַ וואָרט, אַ בליק גיב מיר!“
דאַכט זיך, איך פאַרלאַנג ניט פיל.
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
רואיק ליגט ער אין זיין בעט,
צוגעמאַכט האַלט ער די אויגן;
ניט ער רירט זיך, ניט ער רעדט,
ער, וואָס איז אָפט הויך געשטויגן,
ער, וואָס עד הוים נאָך ווערט
פון די טויזנטער געהערט,
מ ו ז ער שווייגן? ניט ער וויל?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
אפשר איז ער טאַקע טויט?
מאַלע וואָס עס קען פּאַסירן.
אַנדערע לעבן טויטערהייט,
מתים פירן און מאַרשירן;
איז ניט מעגלאַך, אַז זיי האָבן
לעבעדיקערהייט באַגראָבן

אים — אַ שפּאָן ווייט פון זיין ציל ?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
נאָר זיין מוזע שוועבט אַרום
איבער מעלפּאָמענע׳ס טעמפּל ;
אַ פאַרגעס־מיך־ניט, אַ בלום
אין אַ לענטע מיט זיין שטעמפּל
טראָגט זי אונטער זיין פּאָרטרעט.
טרויערט און אָן ווערטער רעדט,
זאָגט אָן ווערטער לאַנגזאַם שטיל :
„ער... איז... שטיל !“

גאָט במקום שכל

(אַן ענטפער אויף שכל במקום גאָט פון יהואש)

נאָר זיך און נאָר די גאַנצע וועלט:
מיט דיין איראָניע־שמייכל,
באַרים זיך, אַז דו דאַרפסט ניט גאָט —
דיר קלעקט דיין בלויזער שכל...

דאָך זאָג מיר, פריינט, ווען ס׳קומט די נאַכט,
און דו ביזט ביחידות,
און שטיל און פינסטער איז אַרום,
און ס׳האַרץ דיינס קראַנק און מיד איז —

ווען ס׳שטעלט די מרה שחורה זיך
אַוועק ביי דיר צוקאָפּנס,
און ס׳פּערלען קאַלט אויף דיין געזיכט
פון יאוש־שווייס די טראָפּנס —

ווען ס׳גלאָצט מיט פּוסטע אויג־לעכער
דער טויט פון אַלע עקן,
און ס׳בלאָנדזשעט דיין נשמה דורך
אַ מדבר פול מיט שרעקן —

זאָג, פריינד, צי קומט דיין קלאָרער זין,
אַ טרייסט דיר דאַן צו שאַפן? —
צי העלפט דיר דאַן דיין ב מ ק ו ם - גאָט,
וואָס דו האָסט זיך באַשאַפן?

צי ליגט ניט דאַמאָלט ווי אַ טרוס,
זיך קאָרטשענדיק אין דרייען
דיין ש כ ל - ג ב ו ר, וואָס ביי ט אָ ג
שטאָלצירט מיט זיין כלי־זיין? —

— יהואש.

נאָר זיך און נאָר די גאַנצע וועלט
מיט דיין נחמה־שמייכל ;
באַרים זיך, אַז דו האָסט אַ גאָט
ווען ס׳באַנקראָטירט דיין שכל.

דאָך זאָג מיר, פריינט, ווי הייסט דיין גאָט ?
ווי זעט ער אוים ? וואו איז ער ?
האָט ער קיין פייער־ריטער ניט ?
האָט נאָר אַ פּאַראַדיז ער ?

דאָס איז דאָך ניט דער ראָכע־גאָט,
דער נוקם און דער נוטר,
וואָס אים דערשפּירט אין פערטן דור
אַן אומגליקלאַכער טויטער ?

דאָך ניט דער מבול־גאָט, וואָס מאַכט
ווי דאַן, פאַר מתן תורה,
פון רעדזשיאָ און מעסינאַ היינט
אַ סדום און אַן עמורה ?

איז דאָס פּילייכט דער קריסטנגאָט,
דער גאָט פון לויטער ליבע,
וואָס דאַרף אין תוך קיין גיהנם ניט
און בראָט נאָר... על פּי סיבה ?

און אויב ער אויך ניט, וועלכער דען
קומט איידער ס׳ווערט פאַרצויגן
דער לעבנס־פאַרהאַנג, און עס ווינקט
דער טויט פון טויזנט אויגן ?

קומט איידער ס׳גייען אוים די ליכט,
און שטום ווערט דער אָרקעסטער,
און עס דערהערט זיך אַ געהויל
פון בת-היענה נעסטער?

זאָג, ברודער, וועלכער גאָט קומט דאַן
אַ טרייסט אונז צו פאַרשאַפן?
און קומט אַ גאָט — זאָג, האָט ניט אים
דיין במקום-גאָט באַשאַפן?

צו כנסת ישראל

(פאַר א. ליעסין — א מתנה)

אָ, גלויב זיי ניט, אַלטיטשקע, כנסת ישראל,
איך בין ניט אַנטרונען געוואָרן פון דיר;
מיר דאַכט נאָר, דיין לאַנד בלייבט שוין ארץ ישמעאל,
אַפילו אויב דיינס איז עס אויפ'ן פּאַפּיר.
מיר דאַכט פּאַלעסטינע איז ניט מער דיין מדינה,
און סתם „טעריטאָריע" — איך האַלט ניט דערפון;
איך זע ניט קיין ראָלע אויף אַזיע'ס בינע
פאַר דיר. אָבער, מאַמינקע, איך בין דיין זון.

און, מאַמע, מיר שמאַרצן די אייביקע וואונדן
אויף דיר, וועלכע בלייבן רק אָפן און ניי;
דעם לייב שניידט דער שטריק מיר, וואָס דיך האַלט געבונדן,
דיין גלות — ער לאָזט מיר ניט אָטעמען פריי.
עס ברענט אויף מיין שטערן דער חותמו־של־קין,
און ברענט דעם אָרט פון דיין גילדענעם ציץ,
און גערן פאַרוואַנדלט וואָלט איך אין כלי־זין
מיין פען, פאַר דיין קאַמף, אין מיין הייליקער היץ.

דו האָסט אָבער, מאַמעניו, אַלערליי קינדער,
פאַרציי מיר, איך ליב זיי ניט אַלעמען גלייך,
געשאָרענע שעפּסן, געמעסטעטע רינדער —
דער צורר אַליין שיידט אָפּ אָרעם פון רייך.
איך פיל זיך אַ פרעמדער אין יעדער אסיפה,
וואו איבער באַרויבטע רעגירט אַ האַבון.
איך קען אים ניט ליבן. איך טויג ניט צו חניפה,
ער איז ניט מיין ברודער, דאָך איך בין דיין זון.

ניין, גלויב ניט, אַלטיטשקע, כנסת ישראל,
ניט אַפּטריניק בין איך געוואָרן פון דיר.
מיך האָט ניט געפאַנגען די מאַכט פון סמאל,
קיין כישוף האָט לילית געהאָט איבער מיר.
ס'איז אמת, איך בין ניט אין יענער אַגודה,
וואו ס'ראַנגלען זיך פּרושים מיט עשו'ס געזינד,
אויך טראָג איך די פאָן ניט פון מחנה יהודה,
דאָך, מאַמעניו, טייערע, איך בין דיין קינד.

אין טרוים, אויפ'ן וואָר — רק מיר שטייט פאַר די אויגן
צום פעלז צוגעשמידט פּראָמעטיי דער טיטאַן.
און איך זע ווי זיין בלוט ווערט פונ'ם אַדלער געצויגן,
זיין האַרץ מיט רציחה געריסן, און דאַן —
ווי ס'וואַקסט אָפּ טאָג-טעגלאָך דאָס האַרץ פון דאָס נייע,
להכעיס דעם פייניקער, בלוטיק און ווילד;
און יעדעס מאָל זע איך דיין אַלטע, דאָך נייע
געשטאַלט אין דעם שרעקלאַכן, גריכישן בילד.

און קומט אָן דיין אַדלער, דאַן גיסן זיך טראָפּנס
פון בלוט פון מיין האַרצן בעת דיינס ווערט פאַרצוקט,
און קומט דיין רפואה, דאַן שטיי איך צוקאָפּנס
ביי דיר, אויף דיין מאַרטיר-מגילה פאַרקוקט.
באַוואונדער דיין אייביקייט, מאַמע, דיין כח
צו לעבן, געדייען, זיין אַלט און דאָך שטאַרק;
צו שטעלן זיך געגן אַ וועלט מיט אַ מח
געשאַרפט אויף אַ מילשטיין, וואָס ברעכט דיר דעם קאַרק.

און גלויב מיר, איך וואָלט זיי געגלויבט, דיינע גלויבער,
אין זייערע לופטשלעסער וואָלט איך געלעבט;
איך וואָלט צו דער ווירקלאַכקייט'ס שטימע אַ טויבער,
אַ בלינדער צום לעבן געווען; וואָלט געשטרעבט,

צוזאַמען מיט זיי, צו דיין לאַנד פאַר דער אומה,
צו אַלץ — נאָר אַוועק פון מיין דאָ, פון מיין היינט;
איך וואָלט זיי געפאָלגט, דיינע גוטע און פרומע,
און, מאַמינקע, ווייסטו, איך האָב זיי ניט פיינט.

איך קען אָבער ניט. ווען דער שמערץ גייט אַריבער,
פאַרלאַנגען די חושים צוריק זייער רעכט;
דאַן זע איך שלאַנגען אין וועג, זע די גריבער,
אַ מאַרש אַ געמאַכטן, אַ שטער וואָס איז עכט.
דערביי רופט אַ בת-קול: מען דאַרף ניט מער האָבן
צו זיין אַ נאַציאָן היינט אַן אייגענע לאַנד;
פאַרשאָטן ווערט ביסלאַכוויז איצט יעדער גראָבן,
דער גרענעץ פאַרשווינדט, עס וואַקסט דער פאַרשטאַנד.

און דו פלאַנצסט זיך בוימער אין יעטוועדער גאָרטן,
אין יעטוועדן קלימאַט, און איטלאַכער בוים
איז טיף איינגעוואָרצלט, און בליט זאָגאַר דאָרטן,
וואו לאַנג שוין פאַרגעסן איז בבל, איז רוים.
און וואָס פאַר אַ בלעטער עס זאָלן ניט טראָגן,
די בוימער — מען זעט, זיי געהערן צו דיר;
און זינגען זיי שירה, דאַן הערט מען זיי זאָגן
אין אַלערליי שפּראַכן דיין אידישן שיר.

דו ביזט ניט אַ פאָלק דורך די הייל פון מכפלה,
דעם כותל מערבי, דעם חורבן, דעם טויט;
קיין שכינה אין טרויער, קיין אַנדער אבלה,
קיין ירמיה׳ס קלאָג מאַכט די בלאַסקייט ניט רויט.
דו לעבסט און דו ליידסט, דו געפינסט דיין רפואה
פון גלעד אין זיך, אומעטום, וואו דו ביזט;
דו לעבסט אין בן-אָמוץ׳עס צוקונפט-נבואה,
פון דורות וואָס קומען מיט יובל באַגריסט.

און פונקט ווי דו דאַרפסט ניט קיין האָר-באַנד, קיין שייטל,
קיין שנירלאַך פערל, קיין צירונג, קיין שיין,
קיין גילדערנע קייטל, קיין הערינג אין קלייטל,
קיין ווינקעלע מיסט אין שטוב — אידיש צו זיין,
אַזוי קענסטו בלייבן צו קינדער אַ מוטער,
אַפילו ניט אין די געצעלטן פון שם,
און איך קען אַ זון דיר זיין, מאַמע, אַ גוטער,
ווייט פון הר הבית, ווייט, ווייט פון דערהיים.

אַ זון, יאָ אַ זון אַ געטרייער,
געטריי צו זיין מוטער, געטריי אויך צו זיך,
געטריי צו דעם וועלט-קאַמף, דעם פעלקער-באַפרייער,
וואָס מוז, ווען די צייט קומט, באַפרייען אויך דיך.
אַזוי וועל איך לעבן און דיר, מאַמע, דינען,
ביז אָפּ לויפט מיין זאַמדגלאָז, ביז אַלץ איז אוים.
איך וועל אָבער דאַן פון דיר אויך ניט אַנטרינען:
דער טויט וועט געפינען מיין קאָפּ אין דיין שוים.

למי החותמת?

דו שפייסט מיט אַ קללה מיין נאָמען אַרויס,
מיט סם און מיט גאַל און מיט האַס;
דו שפייסט מיך פון דירות, פון קראָמען אַרויס,
פון כלל, פון דערהיים אויפ׳ן גאַס.
דיין פנים פאַרקרימט און דער נאָז האַלב פאַרריסן,
ווילסט דו מיך, ר׳ יודל, ניט קענען, ניט וויסן,
דאָך זאָג נאָר דעם אמת,
למי החותמת?
דער שטעקן איז וועמעס?
די בענדלאַך, די פיינע.
מיין שמאַך — אויב ניט דיינע?
למי החותמת? ביי מיר איז דאָ אין האַנד,
דער משכון פאַר תאוה, געקויפטע מיט שאַנד?

* *
*

איך קום אויפ׳ן גאַס נאָך אַ קונה אַרויס,
אַ קונה פאַר לוסט, אָן אַ האַרץ...
דו שפייסט אויס: „אָט קומט זי, די זונה אַרויס!“
דו שניי־ווייס — אויף מיר, אַזוי שוואַרץ...
דו, כשר׳ער איד, קערסט צו מיר צו דעם רוקן:
אַ חרפה אין פנים אַזעלכע צו קוקן.
און דאָך, זאָג דעם אמת,
די חרפה איז וועמעס?
למי החותמת?
די פתילים, דער שטעקן.
דער שמוץ מיט די פלעקן?
זאָג, איז ניט געפאַלן מיין אומשולד אַ קרבן
פאַר דיר, בעת מיין ליבע אין ברוסט איז געשטאָרבן?

* *
*

איך קום אויפ'ן גאַס מיט די שטערן אַרויס,
זיי פינקלען, פאַרטונקלט בין איך;
איך קום מיט מיין קופּערנעס שטערן אַרויס,
אַ פלעק האָט מיין שטערן אויף זיך.
אַ פלעק, אַן אַמאָליקן ברען מיט אַ שטעמפּל,
געבראַנדמאַרקט, ר' יודל, אין לילית'עס טעמפּל...
דאָך זאָג נאָר דעם אמת,
דער זיגל איז וועמעס?
למי החותמת?
ווער האָט מיך אין שטרודל
פון שאַנדע, ר' יודל,
פאַרשלעפּט, אויב ניט דו, און פאַר'סמ'ט מיר די ברוסט,
ווער האָט מיך מיט גיפטיקע ליפּן געקושט?

6טן יוני, 1916.

* *
*

דער אָדלער פליט הויך
און הויך שטייגט דער רויך
דער אידישער מזל, ער שטייגט אַמאָל אויך
דער אמת אַליין
וואָס מער ער איז ריין
קומט אויף און פאַרזינקט ווי אין וואַסער אַ שטיין.

דער העלפאַנד איז שטאַרק
און שטאַרק איז דער קאַרק
פון אים וואָס פאַרשלינגט גאָר די עופות פון מאַרק.
קריטיק נאָר איז שוואַך
שיסט שאַרף און פאַלט פלאַך,
ווערט גיך וואָס נאָך סוכות פון סוכה די סכך.

„סאַפאָ“

איר אָרעמע האַרץ איז אַ תּפיסה,
אין וועלכער, אין קייטן געשמידט,
גייט אוים, אין לנאַגזאַמער גסיסה,
איר ליבע פון וועכטער געהיט.

אַ פּסול'ע ליבע, אַ טריפה,
וואָס האָט אָן אַ ברכה געברענט,
געפלאַקערט צום סוף ווי אַ שרפה,
מיט האַס פאַר באַשרענקונג פון ווענט.

אַ ליבע אָן חופּה, אָן רינגען,
פון וועלכער די צניעות אַנטלויפט,
וואָס דינגט ניט און לאָזט זיך ניט דינגען,
און קויפט ניט, און ווערט ניט פאַרקויפט.

וואָס נעמט פאַר אַ קוס אַ נשמה,
און גיט אָפּ איר וועלט פאַר אַ קוס,
און גיט פאַר באַטרוג, אַלס נקמה,
אַ גיפט-טראַנק אַנשטאָט דעם גענוס.

אַ ליבע אָן שרעק פאַר ריכטער,
אָן חרפה פאַר לייטן, פאַר גאָט;
וואָס וויל ניט און קען ניט זיין ניכטער,
און לאַכט פון דעם אָפּלאַכער'ס שפּאָט.

וואָס לאַכט פון קברנים און טרונעס,
פון תּליות פון פּעטליעס, פון שטריק;
צודריבלט די שטריק, און מאַכט סטרונעס,
און שפּילט אויף זיי גיהנום-מוזיק.

*   *

און איצט, אין אַ לאַנגזאַמער גסיסה,
גייט זי, איר באַזיצערין, אויס;
עס פּלאַצן די ווענט פון איר תּפיסה,
דער טויט שטופּט די ליבע אַרויס.

דער שלאָס מיט די קייטן צושפּרינגען,
אויס וועכטער, אויס אייזערנער שטאַנג!
די ליבע, אַ פרייע, קען זינגען,
צום אָפּשיד, איר שוואַנען־געזאַנג.

ס'איז אויס אין די אויגן דער פייער,
געשטילט איז דער קאַמף אין דער ברוסט;
און דאָ איז דער טויט, דער באַפרייער,
מיט זיך נעמט ער ליידן און לוסט.

און ער איז צו איר ניט געקומען,
ווי ס'קומט אַן אַ שונא אין לאַנד;
דעם טויט האָט זי ליבענד גענומען,
אים געבנדיק פריינדלאַך די האַנד.

זי בעט ניט ביים טויט קיין דערבאַרמונג,
זיין שמייכל פאַרלאַנגט זי, זיין גלעט;
זי גייט צו איר לעצטער אומאַרמונג,
צום קבר — איר חתונה־בעט.

אַ מאַמע'ס האַרץ

(אַן אַלט פראַנצויזיש ליד)

אַמאָל האָט אַ בחור, אַ יונגער, געליבט,
אַי־ווײַ איז צו מיר, אַי־ווײַ, אַי־ווײַ!
אַמאָל האָט אַ בחור, אַ יונגער, געליבט
אַ מיידעלע, וועלכע האָט אים ניט געליבט.

באַפוילן האָט זי אים: „ברענג מאָרגן צו מיר" —
אַי־ווײַ איז צו מיר, אַי־ווײַ איצונד —
זי האָט אים באַפוילן: „ברענג מאָרגן צו מיר
דאָס האַרץ פון דײַן מוטער צו שפּײַזן מײַן הונד."

דער'הרג'עט זײַן מוטער האָט ער אויפ'ן שטעל,
— אַי־ווײַ איז צו מיר, ווײַ איז מיר און ווינד! —
זײַן מוטער דער'הרג'עט האָט ער אויפן שטעל,
און אי זמיט איר האַרצן געלאָפן געשווינד.

און לויפנדיק איז ער געפאַלן אויף דר'ערד,
אַי־ווײַ איז צו מיר, מיר שווידערט, מיר גרויט, —
און לויפנדיק איז ער געפאַלן אויף דר'ערד,
און דאָס האַרץ האָט געראָלט אין'ם קויט.

דאָך ליבעספּול האָט אים דאָס האַרץ נאָרגעפרעגט,
אַי־ווײַ איז צו מיר, ווײַ איז מיר און ווינד! —
דאָס מוטער'ס האַרץ האָט געפרעגט נאָר ביי אים:
האָסט דו זיך ניט ווײַ געטאָן, טײַערעס קינד?

אַ הספד אויף דאָנאַ בלאַנקאַ

זי איז פריי!
אָ, איך ווייס, עס איז דום,
איר געזונטע, איר קלוגע;
און איר קוקט אויף מיר קרום
בעת איר הערט ווי איך שריי:
זי איז פריי, זי איז פריי!
ניין, איך בין ניט משוגע,
כאָטש די פרייַע ליגט טויט,
כאָטש זי ליגט קאַלטערהייד,
אין אַ שרעקלאַכן זאַרג,
אין אַ זאַרג האַרט און שוואַרץ,
פול מיט פעסט, ווי אַ זומפ;
כאָטש דער טויט ווי אַ באַרג
דריקט איר ברוסט, פרעסט איר האַרץ
און איך שריי: זי איז פריי!
כאָטש איר האַרץ איז שוין פוסט,
ווייל אַ טייוולשער פומפ,
מיט אַ העלישער קראַפט,
האָט פון האַרצן איר בלוט,
פון איר לעבן די זאַפט
אויסגעזויגט, ווי די ברוסט
זויגט היים־הונגעריק אוים
דאָס קינד בעת עס רוט,
בעת עס ליגט און עס רוט
ביי דער מאַמען אין שוים.

זי איז פריי!
זי איז מער ניט קיין ווייב,
קיינעמ׳ס ווייב! זי איז פריי!

קיין געזעץ, קיין שום זיטע
האַלט איר הייליקן לייב
ניט אונטער אימיצענ׳ס שוץ;
איבער איר גיט קיין שליטה
איצט דעם, וואָס דעם שוץ
קויפט זיין גאָלד, קויפט דער פוץ
אויף איר גוף, וואָס דאָס גאָלד
האָט באַצאָלט; ווייל זי האָט
איצט ניט צירונג, ניט גאָלד,
ניט קיין הייזער אין שטאָט,
ניט קיין פעלדער אויפ׳ן לאַנד,
ניט קיין זייגער אויפ׳ן וואַנד,
ניט מער האָלד...

זי איז פריי!
די אַנטשלאָפענע פרוי,
מיט די אויגן פאַרמאַכט,
פאַר דער צייט, פאַר דער נאַכט,
יענע אויגן העל-בלוי,
ווי דער הימל-אַזור,
בעת די נעכט זיינען שיין,
ווען ס׳באַזינגט די נאַטור,
אַ זינג-פויגעלאַך כאָר,
מיט אַ קינדערשן חן,
אין דעם ליד, דעם רעפריין,
און די בוימער אַרום,
פאַר באַגייסטערונג שטום,
רוישן בראַוואָ אַנטציקט.
זי איז פריי, און זי שלאָפט,
מיט די אויגן פאַרמאַכט,
פאַר דער צייט, פאַר דער נאַכט,

אָן אַ נאַכט ליד פאַרוויגט,
ליגט זי זיך רואיק און שלאָפט,
מער ניט דענקט, אָדער טראַכט,
מער ני טדענקט, אָדער טראַכט,
נאָר איר גוף זאָגט: „גוד־באַי!“
זי איז פריי, אַלץ פאַרביי!

זי איז פריי!
און איך זאָג אייך, זי וועט
איצטער האָבן אַ בעט,
אפשר שמאָל, אפשר קליין,
דאָך פאַר זיך נאָר אַליין;
זי וועט שלאָפן אַליין,
ניט פון קיינעם געשטערט,
און ס׳וועט רוען אַליין,
אין אַ קעסטעלע קליין,
איר געהייליקטער לייב.
זי איז מער ניט, איר הערט!
קיינעמ׳ס האָב, קיינעמ׳ס ווייב,
ס׳האָט קיין שליטה אויף איר
קיין צווייפיסיקער טהיר,
קיין שום שד, קיין שום גאָט —
זי איז איצטער שוין פריי!

זי איז פריי!
און איך שריי: זי איז פריי!
געגן גאָט׳ס טיראַניי,
געגן הימל און ערד,
געגן דין און געזעץ,
געגן ביקס, געגן שווערד,

גענן רייטער און פערד,
גענן יעדער געוואַלט
אין יעדוועדער געשטאַלט:
זי איז פֿריי!

1901.

הומאָר און סאַטירע

מיין גזר-דין

זיי זיצן און קלערן,
און קנייטשן דעם שטערן,
עס גיסט זיך פון פנים דער שוויים;
זיי קלערן די ריכטער׳
צי בין איך אַ דיכטער,
אַן אמת׳ער דיכטער, ווער ווייס!

זיי פילן אַז וויכטיק
איז: קלאָר זאָל און ריכטיק
אַרויסקומען דער פּריגאָוואָר;
וואָס דאָ ווערט אַנטשידן,
בלייבט תורה פאַר אידן
— מסיני — פון קינפטיקן דור.

און קודם כל דבר
באַטראַכט מען מיין עבר
אַ שטייגער וואָס זעט מען ביי מיר;
הערסט! לויטער דבורים
פון נויט, פון יסורים,
רק זיפצעט, רק קרעכצעט מיין שיר.

וואו רויזן און ליליען
און ליבעס-אידיליען
ערפילן דעם לעבן מיט לוסט;
וואו מיידעלאך זיסע
נשמות אין תפיסה
פאַרנעמען, צו זיך, אין דער ברוסט;

וואו אַמור אין וועלדער,
אין גערטנער און פעלדער
שיסט פיילן פון בויגן אַרום;
און ס׳יאָגן זיך נאָך אים
פאַרוואונדעט מלאָכים,
פאַר פרויען פאַרשטעלט אומעטום;

וואו חיה׳לאַך ברומען
און פליגעלאַך זשומען,
און ס׳קייכן זיך קינדער אין כאָר;
וואו ווינטעלאַך בלאָזן
און ס׳טרייסלען זיך האָזן,
און וואו-ערגעץ צוויי ווערט אַ פּאָר;

וואו בערגלאַך און טאָלן,
אַ לאַנדשאַפט צו מאָלן,
פאַרלאַנגען אַ קינסטלער-טאַלאַנט,
און ס׳גרינט פאַר די בוימער
אָן אייביק ל״ג בעומר,
רייסט ממש אַ שיר פון דער האַנט;

וואו פייגלאַך אויף צווייגן
צו פייגלאַך אין שטייגן
אַ פרייהייטס-גרוס פּיפּצענען צו;
און קינדער, אין וויגן,
צופרידענע ליגן
און לאָבן זיך מיט זיסער רו, —

אַ זיפץ זאָל באַזינגען
אין פערזן, וואָס קלינגען
ווי איכה אָן אויך-מיר פּאָעט!

זאָל צרות באַקלאָגן,
רק טראַכטן פון מאָגן,
דערפאַר, ווייל נאָר צרות ער זעט!

* *
*

בעת ליבע און לעבן
כסדר נאָר וועבן
גאַרדינען פאַר לוסטיקע זינד,
קומט ער מיט'ן דלות
פון אָרעמע כלות,
פון ווייבלאַך, וואָס גייען צו קינד!

פון גאַנץ פּרשת נח
אים קריכט נאָר אין מח
דער מבול, וואָס גיסט און פאַרוויסט;
ער זעט ניט דעם עיקר׳
ווי נח ווערט שיכור
פון ווייַן, וואָס דעם לעבן פאַרזיסט.

אויף פּיסלאַך, וואָס טאַנצן
אַ לעבן אַ גאַנצן,
זיין אויג זעט אַ הינער־אויג בלויז,
און הענט פול מיט רינגען
אים מאַכן נאָר זינגען
פון דינסט־הענט, אין גאַס און אין הויז;

ער זינגט אַנעים זמירות
פאַר אַרבעט און שכירות,
פאַרגעטערט אַ הובל, אַ שער;
רק שירים, תשבחות

גיט ער בעל-מלאָכות,
ווער וויים, וואָס מיט אים איז דער מער !

אַלץ האָט דאָך אַ גרענעץ,
ווי שטערט ניט אַ געגעץ
אַמאָל דעם אביונים-געזאַנג ?
ווי ווערט דאָס ניט נודנע
אין זאַכן פּאַסקודנע
צו פורקענען זיך אַזוי לאַנג ?

אָן אויפהער ווערט נמאס
אַפילו אַ צימעס,
אַ פּשיטא שוין שיטערע יויך ;
דעם איידעלן מענטשן
באַשעפּטיקט דער בענטשן
פיל מער, ווי דער שטאָפּן דעם בויך.

* *
*

היינט פרעגט אים בחרם
ווי ס'קלינגען מזמורים
מיט פאַרבן, וואָס זינגען ווי טענץ,
ווי היינטיקע צייטן
רעיונים'לאַך רייטן
אויף קליאַטשקעלאַך פון דעקאַדענץ ;

ווי ווייבערשע מענער,
און הינערשע הענער,
און ציגעלאַך אמת'ע בעק,
אויף שטאָלצעם מאַרשירן
דורך פּערזן, וואָס פירן
פון אַלצדינג, צו אַלצדינג אַוועק ;

ווי היציקע שטראַלן׳
א וואַלקאַן באַפאַלן,
דערפאַר, וואָס ער זופּט אוים דעם ים,
בעת בלאַסע סאַראַקעס,
וואָס פאַסטן הפסקות,
דאָס טוען, ווייל ס׳בעט זיך צום גראַם.

אים פעלט די מאָדערנע
קאָלירטע לאַמטערנע,
וואָס לייכט און מאַכט בולט דאָס אַלץ,
וואָס פינקלט אָן פייער;
ווער גיט דאָ א דרייער
פאַר עברי מיט פעפער און זאַלץ?

מען ווירקט אויף די חושים
אָן טראָפּ, אָן דגושים׳
לאו דוקא איז לאָגיקע היינט;
אָט גראַד דורך א קרימונג
באַשאַפט מען א שטימונג,
וואָס גלייך איז, דאָס האָט מען איצט פיינט

* *
*

בקיצור הדבר,
ווי ווייט אונז זיין עבר
באַווייזט וואָס זיין דיכטונג באַטייט,
איז קלאָר אַז זיין פּלאַץ איז
מער צווישן פאַרטאַטשעס
ווי צווישן פּאָעטישע לייט.

מאי 21, 1912.

רבותי, ווער קויפט?

ווער קויפט אַ פעדער?
אַ פען אַ פאַנטאַנקע,
ווי שטאָל שטאַרק אַ פעדער
און בויגזאַם ווי לעדער
און דאָך ניט קיין קראַנקע,
ניט ראָסטיק, ניט שוואַך.
ווער קויפט אַזאַ פעדער, רבותי?
רבותי, ווער דאַרף אַזאַ זאַך?

ווער קויפט אַ פעדער?
אַ פען אַ גענייטע;
אַ פען, וואָס ניט יעדער
אויף איר האָט כסדר
געקענט האָבן שליטה,
דאָך נוצלאָך זיין קען...
ווער קויפט אַזאַ פעדער, רבותי?
רבותי, ווער דאַרף אַזאַ פען?

רבותי, וואָס באָט איר?
אַהער די מטבעה!
געלט, דאַכט זיך, האָט איר,
רבותי, וואָס באָט איר?
ק"ן קערבלאָך, אַ מאה?
איך בעט ניט קיין סך.
ווער קויפט אָפּ מיין פעדער, רבותי?
רבותי, ווער דאַרף אַזאַ זאַך?

עשו׳ כח

זאָגט יאַנקעלע מח
צו עשו׳ל האַנט:
דיר פעלט, צו דיין כח,
מיין שאַרפער פאַרשטאַנד.

זאָגט עשו: מיין ברודער,
וואָס טויג מיר זיין קלוג?
צום בלייבן ביים רודער
האָב׳ך שכל גענוג.

דער איד אין דער וועלט

דער איד איז אַן אומה'לע
וואונדערבאַר קליין,
און אַלעמען גיט ער
די קראַפט און דעם חן.
דער איד איז דער חיריק'ל
אונטער'ן יוד;
דער פינטעלע אין דעם
און איבער'ן וואָו;
דער איד איז דער מפיק,
דער אַכץ אינ'ם הא,
דער דגש אין כף,
אינ'ם פא, אינ'ם תיו;
דער איד איז אַן אומה'לע
מורא'דיק קליין
ווערט'נט בטל בששים
און לעבט ניט אַליין.

„זשאַרגאָן“

דאָ שטייט אַ מאָן, וואָס הערט מיין ליד
אונ שמייכלט צו דערביי;
זיין פּנים זאָגט: ווי קומט אַ איד
צו פערזן־שרייבעריי?

ער מיינט, אַז דיכטן אין זשאַרגאָן
איז היילע פאַנטאַזיע.
„ווי קומט דער לשון פון סמאַרגאָן
— פרעגט ער — צו פּאָעזיע?“

איך ענטפער אים: אַ מענטש קען זיין
אַ דיכטער אין זשאַרגאָן,
פונקט ווי מען קען אין ריין לאַטיין
אַ דומן שמייכל טאָן.

איך זאָג אים אויך, אַז איך אַליין
האָב ליב די שפּראַך דערפאַר,
וואָס איר קען שווער אַמאָל פאַרשטיין
אַן איינגערעדטער נאַר...

„פרייע וועלט“, יאַנואַר, 1892.

פילאַנטראָפּן

ווען זיי זויגן אוים דעם לעצטן טראָפּן
פון דעם אויסגעקוועלטן מענטשנ'ס בלוט,
ווערן די וואַמפּירן — פילאַנטראָפּן,
פריינטלאַך, פרום און גוט.

ווען זיי קריכט פון האַלז שוין יעדער ביסן,
און אין מאָגן ליגט אַלץ ווי אַ שטיין,
לאָזן זיי דעם אָרעם מאַן געניסן —
צייטנווייז אַ ביין.

און דער שקלאַף האָט בושה פאַר אַ טיטל,
פאַר אַ נאָמען, און ער כאַפּט אַראָפּ
האַסטיק, זיך פאַרבויגנדיק, די היטל
פאַר'ן פילאַנטראָפּ.

און ער ווייס ניט, אַז די פילאַנטראָפּן
וואָלטן ניט געקענט זיין פרום און גוט,
ווען דער טוער וואָלט געהאַט איין טראָפּן
מער פאַרשטאַנד און מוט!

„וועקער“ (לאָנדאָן), 3טן פעברואַר, 1893.

גאָט׳ס סטראַפּטשעס

זיי קומען און דערציילן אייך:
איר דאַרפט זיין פרום און גוט,......... ...
און טאָן וואָס זיי באַפעלן אייך,
און ליב האָבן די רוט.

זיי קומען און זיי זאָגן אייך:
איר דאַרפט ניט דענקען פיל,
אַז ווען די טרייבער יאָגן אייך,
האָט דאָס אַ צוועק, אַ ציל.

זיי קומען און דערקלערן אייך:
איר האָט אַן אַנדער וועלט,
וואו קיינער וועט ניט שטערן אייך
צו טאָן וואָס אייך געפעלט.

זיי קומען און פאַררעדן אייך
דעם שמערץ מיט פרומע רייד;
און גיבן אין גן־עדן אייך
נחמות — נאָכ׳ן טויט.

איר הערט זיי, הערט זיי, נאַרעלאַך,
אוןליידט, און נעמט צו קלעפּ,
און האַלט אויס אַל די האַרעלאַך,
וואָס ברעכן אייך די קעפּ.

.1891

„ראַדיקאַלע" פּאָלקס-פּאַרטרעטער

זיי קומען צום פּאָלק און זיי זאָגן :
דו טראָגסט אַזאַ שרעקלאַכן יאָך.
מיר ווילן דיר העלפן אים טראָגן,
דו גיב אונז אַזוי פיל אַ וואָך.

דער אַרבעטער איז זייער גלויביק
און אַכטעט אַ מאַן אין אַ פראַק ;
ער איז נעבאַך אימער און אייביק
געוועזן אַ גרויסער פּראָסטאַק.

ער נעמט אָן די הילף מיט פרײדע,
דער העלפער, ער נעמט זיין געצאָלט,
און ער און זיין פריינט האָבן ביידע
זיך איינער דעם אַנדערן האָלט.

ער קען ניט די טובה פאַרגעסן,
און גיט זיי אַ הערצלאַכן דאַנק,
דערפאַר וואָס זיי העלפן אים עסן
און שוויצן פאַר אים ביים געטראַנק.

דערפאַר וואָס זיי העלפן אים טראָגן
די לעסטיקע קליידער און שיך...
און נעמען די מי פון פאַרמאָגן
כמעט גאָר אין גאַנצן אויף זיך.

„פרייע וועלט", יולי 1892.

איש תם יושב אוהלים

וואָס קימערט ר׳ יאַנקלען די שיינע נאַטור,
די וואונדער פון מילי־מיליאָסן פון וועלטן?
ער זיצט זיך ביים ספר, פאַרטאָן אין זיין דרוש,
ר׳ יעקב, דער מאַן, וועלכער זיצט אין געצעלטן.

די בערג, און די בוימער, די ליליע, די רויז,
זיי זיינען פאַר אים נאָר פאַראַן אין משלים;
וואָס ווייס ער פון פויגעלאַך, בלעטעלאַך, גראָז?
ר׳ יעקב איש תמים איז אַ יושב אוהלים.

און חרוב איז דער בית המקדש שוין לאַנג,
ניטאָ מער קיין קטורת, ניטאָ קיין מזבח;
וואָס טויגן די בשמים, דאָס בלימל, די נאָז,
אָן יענעם פאַרצייטיקן ריח־ניחוח?

אים אַרט ניט די הערלאַכקייט פון דער נאַטור,
אַליין פון דער שכינה׳ס זיו איז ער אַ נהנה.
אַ מציאה דעם ים, מיט׳ן טייך, מיט׳ן שטראָם...
ער האָט בלויז איין איינציקע וועלט — דאָס איז י ע נ ע.

נאָר יענע וועלט איז אים אָן אמת׳ע וועלט,
דאָס לעבן אין ד ע ר וועלט פאַרגייט ווי אַ חלום.
וואָס טויג אים צו וואַנדערן ווייט פון געצעלט?
ר׳ יעקב איש תמים איז אַ יושב אוהלים.

עס שטייט געשריבן

מען גלויבט, אַז צוויי מאָל דריי איז זיבן,
אי על־פּי דין,
אי על־פּי זין,
כל זמן דאָס שטייט נאָר וואו געשריבן.
און קיין זאַך איז ניט איבערטריבן,
און גראָד פון אום,
און גלייך פון קרום
ווערט, ווען עס שטייט אַזוי געשריבן.

די גאַנצע וועלט געהערט צו דיבן,
די שיינע וועלט,
מיט גאָר די געלט,
און דאָס איז רעכט: עס שטייט געשריבן.
אין דלות בלייבט, איז רק געבליבן,
דער מאַן וואָס שאַפט
און בלייבט אַן קראַפט;
אַז דאָס איז כשר, שטייט געשריבן.

אַלץ וואָס ער מאַכט ווערט אויפגעריבן
פון יענעמ׳ס מויל,
וואָס איז צו פויל
צום טאָן, אַזוי שטייט אויך געשריבן.
מען הייסט דעם אַרבעטער זיך איבן
אין שפּאָרעריי,
אין שנאָרעריי,
מען זאָגט: עס שטייט אַזוי געשריבן.

אַט האָט גאָט אָדמ׳ען פאַרטריבן
פון פּאַראַדיז,

די מעשה איז
אַן אמת, ווייל זי שטייט געשריבן.
און גאָט, ער האָט אונז אויסגעקליבן
צו דינען אים
מיט אונזער שטים
דריי מאָל אַ טאָג, ווי ס'שטייט געשריבן.

עס טאָר אַ איד זיך ניט פאַרליבן,
ווייל ליבע פּאַסט
פאַר דעם, וואָס שפּאַסט
און לאַכט פון אַלץ וואָס שטייט געשריבן;
וואָס איז באַשערט ווערט ניט געקליבן,
אַ אידיש קינד,
וואָס לויפט פון זינד,
ליבט גאָט און טוט וואָס שטייט געשריבן.

און ווערן דאַרף אין יאָך געטריבן,
אַט ווי דער אָקס,
אַן אָרטאָדאָקס,
געפינען קענט איר דאָס געשריבן;
דעם קיסר מוז ער פאָלגן, ליבן,
ווייל נאָר אַ ליץ
ברעכט אַ געזעץ,
אַ פרומער היט וואָס שטייט געשריבן.

ווי רייכע לייט לעבן

רייכע לייט צופרידענע
לעבן אויף פֿאַרשידענע
אופנים אין דער וועלט:
מאַנכע פון זיי פוצן זיך,
אַנדערע פאַרשמוצן זיך,
און אַלע צוליב געלט.

*
* *

איינער איז אַ סוועטערל
ביז ער ווערט אַ פעטערל
און לייט געלט אויף פּראָצענט;
לייט געלט רואיק זיצנדיק,
רויבנדיק, ניט שוויצנדיק,
ווי פריער אַרבעטס-הענט.

עלעגאַנט זיך קליידנדיק,
און בנעימות ריידנדיק,
און זעלטן ווען פאַרטאָן,
קומט ער אויף אַסיפות היינט,
נעמט און גיט חניפות היינט,
און איז אַ גאַנצער האָן.

דאָ גייט אום אַן אַנדערער:
אָט-דער איז אַ וואַנדערער
און פאָרט אום זוכן גליק,
מאַכט געלט אין אויסטראַליע,
שפּענט עס אין איטאַליע
און קערט זיך אום צוריק.

אין דערהיים זיין ווייבעלע
לעבט זיך ווי אַ טייבעלע,
גענלאָסן און געהיים —
מיט אַ מאַן אַן אַנדערן,
ביז עס קומט פון וואַנדערן
דער רייזנדער אַהיים.

איר שענקט ער אַ רינגעלע,
אים שענקט זי אַ אינגעלע,
עס ווערט ניט פיל גערעט...
נאָר מען וויים אין שטאָט דערפון,
ווייבער מאַכן שפּאַט דערפון,
און ענדלאַך ווערט אַ גט.

דאָרטן שטייט אַ שרייבערל,
וועלכער איז אַ קלייבערל
פון ניים פּאַר אַ בלאַט;
לעבט פון ליגנס פּעטלאַכע,
וועלטלאַכע און געטלאַכע,
שרייבט און איז זיך זאַט.

מענטשן קריטיקירנדיק,
און זיין פּעדער פירנדיק
מיט חוצפּה און מיט שטאָלץ,
מאַכט ער מען זאָל לייענען
ווערטער, וועלכע קלייענען
זיך פּונקט ווי גלאָז צו האָלץ.

ווייניק וואָס פאַרשטייענדיק,
דאָך דאָס צינגל דרייענדיק,
לעבט אַנדערשוואו אַ מאַן:

אַט־דער רופט זיך פריידיקער
און ער איז אַ ליידיקער,
אַ שטייפּער באַראַבאַן.

ער איז פרום ביי פרומע לייט,
גוט און קלוג ביי דומע לייט,
און וואו עס בעט זיך — לינק;
און פאַר אַלע נייגונגען
האָט ער איבערצייגונגען,
און בייט זיך וואונדער־פלינק.

אין אַ שטילן ערטעלע
זיצט און מאַכט אַ קערטעלע
אַ זון פון אַ באַנקיר;
שפּילט, אַ סך פאַרלירנדיק,
אָבער ווייניק שפּירנדיק:
דער טאַטע איז אַ גביר.

באַלן און טעאַטערן
קלעקן ניט צו פּטר'ן
דעם פאָטער'ס אוצר גאָלד;
אויף קאָנצערטן גייט ער ניט,
דען מוזיק פאַרשטייט ער ניט,
און קאָרטן האָט ער האָלד.

קאָרטן און צו עסן פיל,
אויסערדעם מעטרעסן פיל,
וואָס אים פאַרדינגט די נויט;
אָרעמע פאַרבלענדעטע,
וועלכע פאַר געשענדעטע
עס מאַכט דאָס שטיקל ברויט.

יענער יונגער מאַנטשיקל
איז אַ שאַרלאַטאַנטשיקל,
וואָס רופט זיך אַדוואָקאַט;
ערלאַכקייט באַליידיקט ער,
לומפּעריי פאַרטיידיקט ער,
און לעבט ווי אַ מאַגנאַט.

יונגע לייט פאַראַכטן אים,
ווייל די מיידלאַך אַכטן אים
און בעטן אים ביי גאָט;
ער — ער מאַכט זיי חנ'דעלאַך,
ווייזט די ווייסע ציינדעלאַך,
די פערד אין זיין קאַראָט.

און מיט כיטרע ריידעלאַך,
קריוטשקעלאַך און דריידעלאַך
פאַרקרימט ער וואָס איז גלייך;
און ער איז אַ טויז אין שטאָט,
האָט אַ גרויסע הויז אין שטאָט
און שווינדלט און איז רייך.

מיט דער תורה האַנדלענדיק,
אין גאָט'ס וועגן וואַנדלענדיק,
גייט אום אַ פיינער מאַן;
ער איז אַ דוכאָווגער איד,
זייער אַ גרונטאָווגער איד,
און שטאָלץ ווי גאַנץ קיידאַן.

און ער האָט אַ בייכעלע,
מיט אַ קליינעם טייכעלע
פון ספּירטוס דאַרין;

דען ער מאַכט אַ שנעפּסעלע
ווען ער שערט אַ שעפּסעלע,
און שערט עם על פּי דין.

וואו ער זאָגט קיין דעה ניט,
גיט ער די מטבעה ניט,
דאָך נעמט ער וואו ער קען ;
אָ, ער איז ניט שעמעדיק,
און ער פרעגט ניט, נעמענדיק,
פון ווּעמען, ווי און ווען.

אַט זעט איר אַן אַלטינקן,
שטייפלאַכן און קאַלטינקן
פאַרראָסטן גענעראַל ;
ער איז מער קיין שעכטער ניט,
טויג שוין פאַר אַ פעכטער ניט,
דאָך רעדט ער איבעראַל.

רעדט פון די פאַרגאַנגענע
טויטע און געפאַנגענע
אין שלאַכטן אויפ׳ן פעלד ;
ווערט באַגייסטערט טראַכטנדיק,
ווי ער האָט זיך, שלאַכטנדיק,
געמאַכט דעם נאָמען העלד.

און ער גייט אום לויבנדיק
זיך אַליין, און גלויבנדיק,
אַז איינער וועלכער גיסט
בלוט אין אַ מלחמה ניט,
האָט גאָר קיין נשמה ניט,
און לעבט כמעט אומזיסט.

דאָרטן דער צולאָזענער,
ברייטלאַך אויפגעבלאָזענער,
און פיין-געגאָלטער פראַנט,
איז דער האַלב פאַרווילדעטער,
גראָבער, אומגעבילדעטער,
דער בערזען-ספעקולאַנט.

מאַסן געלט פאַרדינענדיק,
לעבט ער שפּינוועבס שפּינענדיק
פאַר פליגן אין דער לופט;
פרייע לייט און ערלאַכע
האַלט ער פאַר געפערלאַכע,
און יעדן פאַר אַ שופט.

אָנגעבלאָזן שטייענדיק
זעט איר אים זיך דרייענדיק
אין פוץ, אין גלאַנץ, אין פראַכט —
פון סאַלאָנען ליכטיקע,
צווישן גרויסע וויכטיקע
פערזאָנען יעדע נאַכט.

דאָ איז אַ פאַרדאָרבענע,
דעננאָך שיין-געפאָרבענע
און אייביק-יונגע פרוי;
שטייט אין שפּיגל זוכנדיק,
קלייבנדיק און פלוכנדיק
די האָר וואָס ווערן גרוי.

זי איז אַ באַלעזענע,
רעדט ווי אַ געוועזענע
פראָפעסאָרקע מיט פריינט;

פראַזן האָט זי עטלאַכע
וועגן ליבע געטלאַכע
אַוואו נאָר זי דערשיינט.

רעדט פון די אַמאַליקע
ערנסטע און „דראַליקע"
ליובאַווניקעס אַן צאָל;
חוזק פון זיי מאַכנדיק
זאָגט זי, ביטער לאַכנדיק:
איך וועל זיין פרום אַמאָל...

אויב איר לייענט צייטונגען
ווייסט איר די באַדייטונגען
פון יעדן מין געוועט;
קענט געווים די סקאַטשקע-לייט,
אַלע פערד און קליאַטשקע-לייט,
פון וועלכע יעדער רעט.

איצט באַטראַכט דאָ גייענדיק
שכור און זיך פרייענדיק
דעם מאַן וואָס „מאַכט אַ בוך";
נאַרן האָט געפונען ער,
און איז אַ געוואונענער
און לאַכט פון זייער פלוך.

און ער גלעט זיין בערדעלע,
דאַנקענדיק דעם פערדעלע,
די נאַרעלאַך און גאָט;
טראָגט דאָס געלד אין „בענק" אַריין,
גייט דערנאָך אין שענק אַריין,
און שכור'ט אַן כלאָפּאָט.

יעדער קען ר' שמעית'לען
מיט זיין ווייבל חיה'לען
מיט לייבקען זיין יונגאַטש,
מיט זיין האַרץ די שטיינערנע,
מיט זיין האַנט די ביינערנע,
וואָס גיט מיט פרייד... אַ פּאַטש.

ער באַוואוינט פיל צימערן,
וועלכע בלישצען, שימערן
מיט זילבער און מיט גאָלד;
און מען זאָגט אַז שרפה-געלט
האַלט ער ניט פאַר טרפה געלט,
און האָט אַ פייער האָלד...

צינגער בייזע, שעדלאַכע
זאָגן, אַז מיט עטלאַכע
און צוואַנציק יאָר צוריק
האָט ער פון אַ פייערל,
אין אַ קליינעם מייערל,
געמאַכט אַ גרויסן גליק.

טויזנטער פאַרמאָגנדיק,
דעננאָך זיך באַקלאָגנדיק
אַז קאַם-קאַם קומט ער אויס,
לעבט זיך נעבאַך קוועלנדיק,
רייכער ווערן וועלנדיק,
אַ גביר אין יענער הויז.

ער איז אין פאַרוואַלטונגס-ראַט
פון אַן אונטערהאַלטונגס-בלאַט,
און קריגט מער ווי אַ דאַנק,
איז אויך אַ דירעקטאָרל,

אָדער אַן אינספּעקטאָרל,
אין — גאָט וויים וועלכע — באַנק.

האָט דערצו פּרנסות פיל
און פון זיי הכנסות פיל
און שיט מיט געלט זיך אָפּ;
דאָך דאָס אַלץ קלעקט אים ניט,
און די פעטקייט שמעקט אים ניט —
דעם אַלטן קוגל־טאָפּ.

זעט איר דאָרטן פאָרנדיק
אים, וואָס איז געוואָרן דיק
פון בייזע איבערגענג?
ניט פון קריינק פון אייגענע,
קורצע און פאַרצויגענע, —
דערפון האָט מען אַ קרענק.

ער האָט זיין דיקלאַכקייט
נאָר פון דער אומגליקלאַכקייט
פון די, וואָס ער קורירט;
מענטשן, וועלכע גלויבן אים,
צאָלן גוט און לויבן אים
און פאָרן וואו ער פירט.

מענטשן וואָס באַדענקען גוט,
אַז מען דאַרף צו קרענקען גוט
אַ דאָקטאָר'ס מעדיצין;
מענטשן, וועלכע שטאַרבנדיק,
שטאַרבן ניט פאַרדאַרבנדיק
זיין מסחר אַן אַ זין.

יענער שטייף-פאַרשפּילעטער,
אימער איינגעהילעטער
אין רעק פון שוואַרצע טוך,
וועלכער קוקט אויף יעדערן
ווי אַ נאָז אויף פעדערן,
און ווי אַ בלאָז אויף פוך;

דאָס איז אַ ראַבינערל,
כלומרשט נאָר אַ דינערל —
אַ דינערל פון גאָט,
אָבער ער האָט עטלאַכע
טויזנטער, פון געטלאַכע
רחמנות, אין קאַמאָד.

מאַסן געלט פאַרדינענדיק,
דאַוונט ער, גאָט דינענדיק,
און דאַוונט זייער פרום;
שמע ישראל שרייט ער גוט,
אין עלינו שפּייט ער גוט,
און בלאָזט זיך אומעטום.

* *

רייכע לייט צופרידענע
לעבן אויף פאַרשידענע
אופנים אין דער וועלט:
מאַנכע פון זיי צירן זיך,
אַנדערע פאַרשמירן זיך.
און אַלע ליבן געלט.

און זיי אַלע האַבעווען, —
האַבעווען, באַראַבעווען

די אויסגעקוועלטע הענט;
אַט־דער דורך אַ בלעטעלע,
יענער דורך אַ צעטעלע,
און אַנדערער דורך רענט.

דער, געזעצלאַך לאַטכענדיק,
יענער, געטלאַך בדחנ׳דיק,
אַ דריטער פון פּראָצענט;
פון פּראָצענט, פון וועקסעלאַך,
נעמענדיק פון עקסעלאַך
וואָס קריכט נאָר אין די הענט.

קוקט ניט וואָס זיי רייסן זיך
צווישן זיך, און בייסן זיך,
און כאַפּן דער פון דעם;
דאָס איז נאָר אַ קלייניקייט,
ווייל מען קען אין איינוקייט
זיך לעבן רייך, באַקוועם

און דער רייכטום זייערער
ווערט אַן אומגעהויערער
באַטרוג זיין אַזוי לאַנג,
ביז דער לעבן אייערער
ווערט ניט זיין אַ פרייערער, —
פון יאָך פריי און פון דראַנג.

„וועקער“ (לאָנדאָן), 23טן דעצ. 1892 — 6טער יאַנ. 1893.

גאָט מאַמאַן

גאָט מאַמאַן איז אַ גליקלאַכער,
אַ ברייטלאַכער,
אַ פעטלאַכער,
אַ זאַטער גאָט, אַ דיקלאַכער,
אַ וואונדערבארער גאָט;

ער שיקט צו זיינע קינדערלאַך,
און קנעכטעלאַך
פיל העכטעלאַך,
פיל שעפּסעלאַך, פיל רינדערלאַך,
און אַלצדינג וואָס ער האָט.

ער גיט זיי שאַרפע מוח׳לאַך,
ניט וויציקע,
דאָך שפּיציקע,
הייסט בויען זיי מזבח׳לאַך
פאַר אים אין יעדער שטאָט.

זיי בויען אים אַלטאַרעלאַך, —
די גרינדערלאַך,
די שינדערלאַך,
און אָפּפערן אים נאַרעלאַך,
און היטן זיין געבאָט.

ער פרייט זיך אויף זיי קוקנדיק,
די קרעמערלאַך,
די נעמערלאַך,
זיי זעענדיק זיך בוקנדיק
אין שטויב פאַר זייער גאָט.

זיי זעענדיק, די צופּערלאַך
פאַרכאַפּנדיק,
פאַרקלאַפּנדיק
פיל זילבער, גאָלד און קופּערלאַך,
דאָן מאַכנדיק באַנקראָט.

און נחת פון זיי קלייבנדיק,
פאַרשפּיצט ער זיי,
באַשיצט ער זיי
צו גנב'ענען, פאַרבלייבנדיק
די פּני פון יעדער שטאָט.

ער היט זיי מיט סאָלדאַטעלאַך,
וואָס שיסן גוט
און גיסן בלוט
מיט ביקסעלאַך, האַרמאַטעלאַך,
מיט פּולווער און מיט שראָט.

גאָט מאַמאָן איז אַ גליקלאַכער,
אַ ברייטלאַכער,
אַ פעטלאַכער,
אַ זאַטער גאָט, אַ דיקלאַכער,
אַ וואונדערבאַרער גאָט.

„פרייע וועלט“, יולי, 1892.

בודעל-פּאָליטיק

אָ, די קוואַלן פון די וואַלן,
יענקי דודעל׳ס פּאָליטיק!
וועמעס מאָגן קען פאַרטראָגן
אַל-די שקרים וואָס זיי זאָגן —
גראָבע שקרים, פעט און דיק?

אויסגעשפּוקטע, אָפּגעדרוקטע,
פאַלן ליגנס אָן אַ ברעג;
יענקי דודל, ווי אַ פודל,
שפּרינגט און לאַשטשעט זיך צום בודל,
לאַשטשעט, דרייענדיק דעם עק.

דעמאָקראַטן, פון אַ זאַטן
מאָגן מייקענען אוים רייד,
וועלכע נאַרן אין זיך שפּאַרן,
אין אַ גוף אַ שוואַכן, דאַרן,
און פאַרשלינגען בלינדערהייט.

און זיי שטימען, און זיי קרימען
זיך אַפילו ניט דערביי —
פאַר די רייסער, פאַר די בייסער,
פאַר׳ן טרייבער, אונטערשמייסער
אין דער דאָלאַר-מאַכעריי;

ווייל זיי גלויבן די וואָס רויבן
זייער לעבן, לייב און קאָפּ;
זייער בכורה ווערט אַ סחורה,
פונקט ווי עשו׳ס אין דער תורה,
פאַר אַ רויטן לינזענטאָפּ.

אידן, טייטשן, פלעכטן בייטשן
פאַר די אַרבעטער פון לאַנד;
ערין׳ס קינדער, ווי די רינדער,
גייען ווערן ביי דעם שינדער
פאַר אַ זופּ די רעכטע האַנד.

יענקי גופא שטייט קיין שטופּע
העכער ניט אין „גיב און נעם“,
ווי די גרים, די בני גרים,
וואָס זיי האַלט ער פאַר ממזרים
פון זיין ליבן אָנקל סעם.

און דעם זעקסטן פון דעם נעקסטן
חדש װעלן זיי, מיט היץ,
וואַרפן גאַלקעס פאַר די פאַלקעס,
אום געקלאַפּט צו ווערן מלקות,
אום צו־קריגן גוטע שמיץ.

* *

אָ, די קוואַלן פון די וואַלן,
יענקי דודל׳ס פּאָליטיק!
דעמאָקראַטן — אַקראָבאַטן,
כאַפּ׳דער רוח זייער טאַטן,
גיב זיי, אַרבעטער, אַ שטריק!

1894.

רוסלאַנד און פראַנקרייך

די צאַרישע רעגירונג האָט אין
יאָר 1890 געמאַכט אַן אַנלייהע
פון 350 מיליאָן פראַנק אין פאַריז.

די בלויע פראַנצויזישע געלט־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישן צאַר;
זי ווינשט דעם דעספּאָט צום טיראַנעווען גליק
און חנפ׳עט אים און ער איז לוסטיק דער נאַר.
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ — ווי פריינדלאַך זיי זיינען,
ווי הערצלאַך קושט די גיליאָטינע דעם קנוט!
זאָל ווירקלאַך פראַנצויזישע גלייכהייט דערשיינען
געבונדן אין יוכטע, געפאַרבן מיט בלוט?
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ געמישט מיט איינאַנדער,
די געלט־רעפּובליק טאַנצט מיט צאַר אַלכסנדר,
זי גיט אים ממתקים און איר קושט די האַנד ער!

די בלויע פראַנצויזישע געלט־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישן צאַר;
זי זאָגט זי מוז האַלטן די דייטשן אין צוויק,
איר שרעקלאַכסטער פיינט אָבער הייסט: קאָמונאַר.
איר פיינט איז דער דייטש ניט, ניט דער איטאַליענער,
איר פיינט איז דער פאָלקס־פריינט מיט האַרץ און מיט מוט,
דער אַרבעטער מאַכט איר אַ שרעק אָן, ניט יענער,
פאַר אים דאַרף זי פאָניע׳ס אַלמעכטיקן קנוט.
דערפאַר גיט זי געלט אים און איר קושט די האַנד ער,
דערפאַר טרינקט זי פריינדשאַפטלאַך מיט אַלכסנדר
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ געמישט מיט איינאַנדער.

די בלויע פראַנצויזישע געלט־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישן צאַר;
זי וועט אים, וואַרשיינלאַך, נאָך שענקען אַ שטריק
צו הענגען דעם נעקסטן געפאַנגענעם גבר.
ווי ליבלאַך זי ווינקט צו אים צו, די הולטייקע,
ווי גערן זי צאָלט אים פאַראויס פאַר זיין מי,
פאַר זיינע קאָזאַקן, דעם שפּיז, די נאַגייקע,
פּיליכבט פאַר סיביר פאַר אַן אַנדער בלאַנקי.
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ, אָט טרינקט פון איר האַנד ער
דער דריטער, דער בלוטיקסטער צאַר אַלכסנדר,
ער קערט זיך אין קבר אום אונזער איסקאַנדער!

די בלויע פראַנצויזישע געלט־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישן צאַר;
ווער וואָלט דאָס געגלויבט אַ יאָר ניינצן צוריק,
אַז זי וועט זיך לאָבן ביים צאַר׳ס סאַמאָוואַר?
זי האָט, דאָס איז אמת, איר פאָטער געוואָרגן,
גלייך נאָך איר געבורט, און פאַרגאָסן זיין בלוט,
דאָך ווער וואָלט געקלערט דאַן אַז זי וועט פאַרזאָרגן
מיט געלט אַזאַ מאַן, ווי דעם מאַן מיט׳ן קנוט?
דאָס טוט די קאָקעטקע, האָפט פון אַלכסנדר,
אַז געגן די „שונאים" וועט שיצן איר לאַנד ער,
און שטאָפּט אים מיט פראַנקן און איר קושט די האַנד ער.

דער רעוואָלוציאָנס־גייסט ער שמייכלט און זאָגט:
„געדולד, פעלקער אַלע, אַ ווײַלע געדולד!
נאָך איז די נאַכט פינסטער, דאָך באַלד, קינדער, טאָגט,
און רוסלאַנד וועט אָפּצאָלן פראַנקרייך די שולד.
דען ווען דער פראַנצויז וועט זיך געבן אַ הויב
זיין לאַנד און די וועלט פון דער נויט צו דערלויזן,
וועט רוסלאַנד׳ס זשעליאַבאָוו צוטרעטן אין שטויב

דעם קנוט, און וועט קומען צו־הילף די פּראָנצויזן.
דאַן וועלן אין קאַמף שטיין פּאַראייניקט מיט אײנאַנדער,
אַנטקעגן דער געלט־מאַכט און צאַר אלכסנדר,
דאָס׳ לאַנד פון בלאַנקי און דאָס פאָלק פון איסקאַנדער.

„ארבעטער פריינד“, 21טן פעברואר, 1890.

סענדער און וועלוול

זאָגט סענדער דער שוטה:
וואָס מאַכן די רויטע,
וואָס מאַכן די סאָציאַליסטן?
זאָגט וועלוול דער צווייטער,
איך דאַנקע, גאַנץ הייטער,
וואָס הערסטו פון די ניהילסטן?

זאָגט סענדער: זיי זיינען
ניט דאָס וואָס זיי שיינען,
מען זעט זיי ניט ווען מען באַהאַלט זיך.
זאָגט וועלוול: אַזוי־גאָר!
זיי ווייזן אַ שטייגער
זיך נאָר ווען די ערד דיינע שפּאַלט זיך.

זאָגט סענדער: וואָס מאַכסטו
אַליין און וואָס טראַכסטו
צו טאָן מיט די רויטע מגפה?
זאָגט וועלוול: מיר אַרט ניט
כל־זמן דאָס פאַרשפּאַרט ניט
אין שטוב מיך אין צייט פון אַ שרפה.

זאָגט סענדער פון רייסן:
מיין פריינד, איך וואָלט שמייסן
ביז טויט סאָציאַל־דעמאָקראַטן.
זאָגט וועלוול: דאָס טויג ניט,
אָה, איך לאָז פון אויג ניט
אַרויס, פריינד, דעם סוף פון דיין טאַטן.

זאָגט סענדער: ר׳ קרוב,
דערווייל ווערט חרוב

דער טראָן דורך די העלישע תורה.
זאָגט װעלװל: פֿאַרשטײט זיך,
מײן מח, ער דרײט זיך...
איך האָב טאַקע צײטנװײז מורא.

זאָגט סענדער: בײם רודער
צו בלײבן, מײן ברודער,
מוז װערן געמאַכט אַ מלחמה.
זאָגט װעלװל: רעכט האָסטו,
דאָס זאָגנדיק בלאָזטו
אַרײן מיר אַ נײַע נשמה.

זאָגט סענדער: הײנט לאָמיר
באַרעכענען טאָמער
איז גלײכער אַז טאַקע מיר בײדע.
זאָגט װעלװל: איך רעכן,
דאָס קען אונז ניט ברעכן,
איך שלאָג זיך מיט דיר, פֿרײַנד, מיט פֿרײדע!

„פרייע וועלט“, יולי, 1892.

אַלערליי

די פּאַרפּראַרענע

אַן ענגלישער פראָסט איז אַ זעלטענער גאַסט,
ער קומט אויף ניט לאַנג יעדן ווינטער;
פון קציגים געליבט, פון אביונים געהאַסט,
דערשיינט ער, פאַרווייַלט ער, פאַרשווינדט ער.
אָט ווילט ער אויך הייַנט אין זיין מאַנטל פון גרוי,
פאַרווײַלט ער און ווערט ניט געלינדער;
מיר דאַכט זיך אים שילטן, איך הער ניט גענוי,
אַן אָרעמער מאַן און זייַן קרענקלאַכע פרוי,
און זייערע דריי קליינע קינדער.

דעם אָרעמען מאַן און זיין קרענקלאַכע פרוי,
און זייערע דריי קליינע קינדער,
זיי טרעפט אויפ'ן לאַנד אין אַ וואַלד וואָס איז גרוי,
דער פראָסט און ער זאָגט: „גייט געשווינדער!"
די אָרעמע לייט ווארפט אַ צאַן אַן אַ צאַן.
געשווינדער? וואָס העלפט דאָ דער זאָגן?
וואָס קען אַזאַ ווייבל אַ קרענקלאַכע טאָן?
און קינדערלאַך יעדער פאַרדאַרט ווי אַ שפּאָן,
זיי קענען די פיס ניט דערטראָגן.

אַך קינדערלאַך, יעדער פאַרדאַרט ווי אַ שפּאָן,
זיי קענען די פיס ניט דערטראָגן,
צוויי שטונדן שפּעטער ווערט פון הויז
אַרויסגעוואָרפן באַרנעט'ס ווייב,
זי מיט איר אינגל גייט אַרויס
און מיט דעם עופ'עלע אין לייב;
דעם לענדלאָרד'ס האַרץ איז ניט פון שטיין,
ער האָט ביי זיך אין יאַרד אַ שטאַל.

אהין לאָזט ער איר וואוינען גיין ;
זי גייט אויף יעדן פאַל.

אין קבר ליגט דער ריוועטער,
קליין בארנעט מאָס פון בערנער סטריט,
און דאָ גריסט אַ פאַרגליווערטער
די וועלט זיין קינד, וואָס קען אים ניט.
אין שטאַל קומט אָן זיין אָרעם קינד,
מיט אַ געשריי אין אונזער וועלט ;
דאָך ווערט ער איינגעשטילט געשווינד :
ער שטאַרבט אַוועק פאַר קעלט.

.1885

דער לאָנדאָנער „פאָג"

איך פרעג די זון, ווארום זי לאָזט
דעם שווארצן נעפּל איר פארשטעלן;
ווארום זי זאָל דעם ווינט וואָס בלאָזט,
אים צו פארטרייבן נים באפעלן?

זי ענטפערט מיר, איר איז דער „פאג"
א ליבער פריינט, וואָס זי מוז אכטן:
ער מאכט אז זי זאָל יעדן טאָג
ניט דארפן אונזער לאנד באטראכטן.

„איר האָט געמאכט אייער פלאנעט
— זאָגט זי, די זון — פאר א גיהנם:
דער מענטש — ער ווערגט און האבעוועט,
בא'גנב'עט דעם, בא'גזל'ט יענעם.

„ער אונטערדריקט זיין פלייש און בלוט,
די הענט, וואָס קאָרמענען אים, בייסט ער.
ער טרייבט און יאָגט, און שלאָגט מיט וואוט,
און וויל זיין אומעטום א מייסטער.

„איך דאנק דערפאר דעם שווארצן פאָג
ווען ער פארשפארט מיר אָפט צו זען
אין איין שטאָט, וויניקסטענס איין טאָג,
די זאכן וואָס ביי אייך געשעען."

.1891

דער בלינדער פידלער

אַרויף טשיפּסייד, ניט ווייט פון׳ם מאָנומענט,
שטייט אויף דעם טראָטואַר טאָג-טעגלאַך
אַ בלינדער מאַן, וואָס האַלט אין דאַרע הענט,
אַן אָפּגעניצטן, אַלטן אינסטרומענט,
און שפּילט אַ ניגון אומגעהויער קלעגלאַך.

פון וואַנען נעמט זיך דיזער מוזיקאַנט?
וואו רוט ער אויס ביינאַכט די ביינער?
ווער וויים? אים זעען מענטשן אַלערהאַנד,
דאָך קיינעם פון זיי איז ער ניט באַקאַנט —
אַרום אים טראַכט פון טויזנטער איך איינער.

ווייל איך פאַרשטיי דעם טרויעריקן שפּיל,
וואָס קומט אַרויס פון זיינע סטרונעס;
דעם ניגון וועלכער דריקט אויס אַזוי פיל
יסורים פון אַ לעבן אָן אַ ציל
און רו צווישן פילגעליבטע טרונעס.

אַרויף טשיפּסייד, ניט ווייט פון׳ם מאָנומענט,
איז שרעקלאַך גרויס דער רויש טאָג-טעגלאַך;
מען פאָרט, מען לויפט, מען קאָכט זיך און מען ברענט,
און קיינעם שטערט ניט אָפּ דער אינסטרומענט,
וואָס שפּילט זיין ניגון אומגעהויער קלעגלאַך.

1891.

קעגנזאַצן

טויזנטערווייז בלישצען היינט אָוונט די שטערן,
צירנדיק אויבן דעם הימל מיט פּראַכט;
דאָ אויף דער ערד בלישצען אויגן מיט טרערן,
טרערן פון פּנים'ער — שוואַרץ ווי די נאַכט.

טויזנטערווייז צווימשערן צווישן די בלעטער
פייגעלאַך לוסטיק, אויף בוימער אין וואַלד;
דאָ קרעכצן קראַנקע אויף שטיינער און ברעטער,
זיפצן געשפּענסטער אין מענטשן־געשטאַלט.

טויזנטערווייז בליען אין גאָרטן די בלומען,
געבנדיק פון זיך אַ ליבלאַכן דופט;
דאָ וועלקן קינדערלאַך, דאַרבן, פאַרקומען,
קינדער פאַרשפּאַרטע אין פּעסטיקע לופט.

* *
*

פייגעלאַך זינגען, עס שמייכלען די שטערן,
און מיט'ן ווינטעלע שפּילט זיך די בלום;
אַך, זיי, די גליקלאַכע, קענען ניט הערן
זיפצנדיק מענטשן אָרום און אַרום...

.1891

יעסען-צייט

פייכטער, קעלטער ווערט דער וועטער,
זעלטן איז איצט העל;
פון די בוימער פאַלן בלעטער
טרוקן, דאַר און געל.

אָ, וואו איז די פרוכט געבליבן,
זייער זומער׳ס פרוכט?
האָט מען שפּאָס מיט זיי געטריבן,
האָט זיי גאָט פאַרפלוכט?

פרעגט זיי ניט, ווייל טויבע, שטומע,
נאַרן זיינען זיי:
טראָגן קענען נאָר די דומע
פירות אַלערליי...

אָבער אַלצדינג וואָס זיי טראָגן
גייט אין פרעמדע הענט;
ווינטער שטייען זיי און קלאָגן,
הייל ווי אָפּגעברענט.

און זיי שטייען און זיי פרירן
מיט אַ פליכן קאָפּ,
ביז מען ברענגט אַ האַק צו פירן,
וועלכע שניידט זיי אָפּ...

„פרייע וועלט“, יאנואר 1892.

אַ פּאַק צרות

אַן גייט אַן אַלטע פרוי
און טראָגט אַ שווערן פּאַק;
די פרוי איז דאַר און גרוי,
פאַר'חושכ'ט ווי איר זאַק.

זי טראָגט די שווערע לאַסט,
איר בויגן זיך די קני;
דען זי, די אַלטע, פאַסט,
זי לעבט און ווייס ניט ווי.

און פרעגט איר: וואָס זי האַלט
פאַרבאָרגן אין איר זאַק?
און ווייסט איר וואָס עס שפּאַלט
דעם רוקן איר אין פּאַק?

דאָס זיינען זעכציק יאָר
יסורים גרויס און שטאַרק,
וואָס האָבן נאָך אַ האָר
געבראָכן היינט איר קאַרק.

זי טראָגט אויף זיך דעם טויט
פון אַ געליבטן מאַן,
און אירע קינדער'ס נויט
איז אויך דאָרין פאַראַן.

זי טראָגט צושטערטע פרייד
און צרות אָהן אַ שיעור,
און פילט ווי יעדעם לייד
וואַקסט רק אין פּאַק ביי איר.

אַן גייט זיך די פרוי
אונ שלעפּט די שווערע לאסט;
זי איז פאַרשוואַרצט און גרוי,
זי שלעפּט, זי ליידט, זי פאַסט.

אין חשך איינגעהילט,
אַט בויגט זי זיך און טראָגט;
מען ווייס ניט אויב זי שילט,
מען הערט ניט אויב זי קלאָגט.

„וועקער" (לאָנדאָן), 3טען מערץ, 1893.

מיין אַמביציע

ניט מעכטיק און גרויס צו זיין שטרעב איך,
איך האָף ניט אַ קינסטלער צו זיין;
אויך ניט פאַר אומשטערבלאַכקייט לעב איך:
דאָס קומט מיר אין זין ניט אַריין.

איך ווייס, אַז איך האָב קיין טאַלאַנט ניט
צו לעבן איין טאָג נאָך מיין טויט;
איך האָב אַזאַ פעדער אין האַנט ניט
צו ווערן באַרימט ווייט און ברייט.

נאָר א י י ן זאַך האָף איך צו דערלעבן,
כל־זמן עס איז האָפנונג פאַראַן:
איך מיין, אַז מיין ווערק דאַרף מיר געבן
דעם טיטל — „אַן ערלאַכער מאַן“.

„פרייע וועלט“, יאַנואַר, 1892.

*

* *

אַ טיפער, טיפער ברונעם
איז די פאַרגאַנגענהייט,
און פערל שעפּ איך פון אים,
אָן מי צו יעדער צייט.

איין עמער גייט אַרונטער,
זיין חבר גייט אַרויף;
און קוים דערגרייכט דעם גרונט ער,
גיט ער אַ זופּ, אַ זויף.

ער זויפט, דער בראַווער קערל,
ביז ס'טוט אַ צי דער שטריק:
ער זופּט זיך אָן מיט פערל,
און שטייגט אַרויף צוריק.

און אַט דער שטייגער שיט אויס,
אָן אייגנס דאָ פאַר מיר;
צום אומגליק זאָגט ער ניט אויס,
ווי מ'ווערט אַ יוּוועליר.

ס'גיט פערל, גרויסע, קליינע,
דער עמער, אַלערהאַנד,
עס פעלט נאָר דאָ אַ היינע
מיט היינע'ס קינסטלערהאַנד.

אויף שנירלאַך צו רייען,
אין גאָלד צו זעצן זיי,

אין פראַכטגעוואַנט צו נייען
נאָך מוסטערס אַלערליי.

די איינוואוינער פון שעלן,
די קינדער פונ׳ם ים
ווי אותיות אויסצושטעלן,
אין פערזן מיט זיין גראַם.

די פערל צו פאַרוואַנדלען
אין לידער האָניק־זים;
אין ראָזשינקעס און מאַנדלען,
אין יאָדרע־רייכע נים.

כדי, אויך, ס׳זאָלן ווערן
צוריק אַ פערל — צוויי
פון היינע׳ס ליבעס טרערן,
דורך היינע׳ס לאָרעליי.

.1910

*
* *

Down in the forest something stirred,
It was only the note of a bird.

טיף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
אַזוי שטיל, אַז איך האָב'ס קוים געהערט;
דאָך, באַלעבט, האָט דער וואַלד זיך באַוועגט,
ווי אַ שיף אין איר האַפן געקערט.

טיף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס'האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זיך באַוועגט.

ס'שטייט דעם לעבנ'ס פרימאָרגן פאַר מיר,
און איך גאַר נאָך אַ גלעט פון דיין האַנד!
און, געליבטע, איך וואַך ביי דיין טיר,
אָבער ס'וואַרט זיך ניט מער נאָכאַנאַנד.

טיף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס'האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זיך באַוועגט.

ס'האָט די לופט טיף אין וואַלד זיך גערעגט,
און איין ווינטל דעם אַנדערן פרעגט:
ווער ערוואַכן די ליבע? און באַלד?
און אַ ווידערהאָל ענטפערט: און באַלד.

טיף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס'האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זיך באַוועגט.

.1891

*
* *

אויף מיין לעבנסוועג
שטוואָס באַרג־אַראָפּ
האָב איך, ליבסטע, דיך
באַגעגנט,
און האָב אויפ'ן שטעל
זיך מיט זין און טאַקט
מיט פאַרנינפטיקייט
געזעגנט.

וואָס קען שאַרפן איצט
וואָס — פאַרנינפטיקייט
אין דיין געגנוואַרט
מיר טויגן?
בעת דיין קול ערשאַלט
בעת עס שפּיגלט אָפּ
זיך מיין וועלט אין דיין
פּאָר אויגן.

און אַזוי האָב איך
זיך מיט זין און טאַקט,
זיסע טייבעלע,
געזעגנט
אין דעם אויגנבליק
ווען דיין צויבערבליק
האָט מיין אויג, מיין בליק
באַגעגנט.

1908.

מיין שוואַנענגעזאַנג *)

עס קומען געדאַנקען פון טויט אויף דער עלטער,
ווי ס'קומען אין אוונט געדאַנקען פון שלאָף,
ווי ס'קומען אין הערבסט, בעת די נעכט ווערן קעלטער,
געדאַנקען פון ווינטער, מיט פרעסט אָן אַ סוף.

און שווימען אין מח אַרויף די געדאַנקען,
דאַן מאָלט זיך ניט ווילנדיק אוים יענע שטונד,
ווען ס'קומען געזעגענען זיך מיט דעם קראַנקען
די טויט־קאַנדידאַטן, דערווייל נאָך געזונד.

צוזאַמען מיט אַט די אין קרעכצפולן חדר,
דערזע איך אומשטערבלאַכע טויטע ביי זיך;
אַלץ אַלטע געליבטע אין אייביקע קליידער,
זיי שוועבן אָן פליגל, זיי גייען אָן שיך.

זיי דאַרפן ניט שיך, ניט סאַנדאַלן, ניט זאָקן,
זיי רירן ניט מער אָן די בלאָטיקע ערד;
עס קומט ניט צופום אַהער הלל הזקן,
ניט רייט ער, דער נשיא, אַריין אויף אַ פערד.

ער שוועבט אין דער לופטן אין זויבערע ריינע,
תכריכים פון זייד אין מיין צימער אַריין,
אַזוי קומען: בערנע, ביעלינסקי און היינע,
און שעללי דער מלאכ'ל, ליבלאַך און פיין.

---

*) די ערשטע זעקס פערזן זיינען על פי טעות אַריין אויף זייט 128. ווערן זיי דאָ געגעבן פון דאָס ניי.

און בייראָן, דער געטלאַכער בעל מרה־שחורה
און מאָרים דער נביא פונ׳ם ערד־פּאַראַדיז,
און נעבן זיי ליבלינגע פיל פון דער תורה,
בן־עמרם אין מיטן — אַ גייסטיקער ריז.

און דאָ אין צימער דער שפּאַניער סערוואַנטעס,
אַ בוחן לבבות ווי שעקספּיר דער גאָט;
פּאַרוואַקסן מיט אים זעט מיר אוים ראָזינאַנטע׳ס
אומשטערבלאַכער רייטער — זיין העלד דאָן־קיכאָט.

דאָן זע איך אַ ליבלינג פון עלטערע צייטן,
ישעיה בן אמוץ מיין דיכטער־פּראָפעט;
אויך ער קומט צופוס ניט, ער קומט ניט צורייטן,
ער שוועבט צו און ברענגט מיט אַן אַנדער פּאָעט.

דער וועלט׳ס מליץ־יושר! אָט איז וויקטאָר הוגאָ,
געשטראָפט אונז, געוויזן די צוקונפט ווי ע ר...
ביים לעבן געהאַלטן פאַר שעדלאַך־משוגע
אין מוסר, אין טרייסט־רייד — סיי יענער, סיי דער.

און דאָ איז דער ליבענדער, ליבלאַכער שיללער,
נאָך אימער מיט אָפּשיי פאַר געטהע זיין פריינט,
די פּאַלמע אים אָפּטרעטן אימער נאָך וויל ער
אים, פויסט׳ס און מעפיסטאָ׳ס באַשעפער — נאָך היינט.

איצט ווינקט צו מיר היינע, גאָט אַמור׳ס געזאַנדטער,
זיין אויג אויפ׳ן שוועל פון טיר שליידערט אַ שטראַל,
עס זאָגט מיר זיין שמייכל: אַן שטייט אַ באַקאַנטער:
דיין ליבלינג און מיינער... אַהין קוק, לאַסאַל!

אַ בליק פון אַ לייב אין גסיסה נאָך האָט ער,
דער העלד פון זיין צייט, דער גיגאַנט פון זיין לאַנד,

דאָרט שטייט ער, און נעבן אים איבסען, דער פאָטער
פון נאָראַ, פון הילדאַ, פון העדדאַ, פון בראַנד.

און הונדערטער אַנדערע גרויסע נשמות,
געלייטערט דורך יאָרן, דעם טיגל פון צייט,
דער זיג לאַנג גערייניקט פון בלוט פון מלחמות,
דער קאַמף פון די גיפט און די גאַל שוין באַפרייט.

דער בייסענדער וויץ פון זיין רשעות געשידן,
די אייזערנע לאָגיק נאָך שאַרף, אָבער מילד. —
זעט! מאַרקס און באַקונין זיי לעבן אין פרידן,
דער שפּיז שוין לאַנג פאַרראָסט, און אין ווינקל דער שילד.

און לעסינג מיט מענדעלסזאָהן — קיינמאָל פאַנאַנדער
געטיילט — זעען ביידע אוים יונג עד היום,
און יונג זעט אוים הערצען, דער גרויסער איסקאַנדער,
דער רוסישער עמוס — דער קול פונ׳ם תהום;

דער מאַן מיט אַ מעכטיקן שופר צו וועקן
פון שלאָף אַ האַלב-טויטע, פאַרשאַלטענע לאַנד,
אַ לאַנד, וואו די פעלדער באַדעקן
מיט תליות, און ביקסן — מיט בלוט נאָכאַנאַנד.

אַ לאַנד, וואו עס וואוינען אי גראַציען, אי מוזען,
אין ערלאַכע הערצער, אין הערלאַכע קעפּ,
דאָך פוריען רעגירן, די ברוט פון מעדוזען,
די פרייהייט אין קייטן געשמידט ליגט אין סקלעפּ.

אהאַ! מיין ריש לקיש! דער לערנער פון תורה,
וואָס וויים וואָס אַ שווערד איז, וואָס ליבט אָן אַ שיעור,

ליבט שיינקייט און פרויען — דער גרויסער אמורא,
ר׳ יוחנן׳ם שוועסטער, איר פרעגט נאָר ביי איר.

זיי קומען די ליבלינגע מיינע אין צימער,
פון אַלערליי לענדער, פון יעטוועדער צייט,
איך גיב זיי מיין גרוס פונ׳ם לעבן ווי אימער,
זיי ברענגען אַ גרוס פון דער אַנדערער זייט.

דאָך זיינען ניט אַלע פון זיי שוכני עפר,
וואָס וואוינען שוין לאַנג אין אַ בעסערער וועלט,
פאַראַן צווישן זיי מער ווי איין קבר-שלאָפער,
וואָס האָט עד היום נאָך ביי אונז זיין געצעלט.

און נעענטער ווי אַלע צו מיר שטייט דאָ איינער,
נאָך פריש איז זיין קבר, נאָך גאַנץ איז זיין בעט;
קיין אייזן, קיין מויער, קיין ציגל, קיין שטיינער
פאַרשטעלן דעם אָרט ניט, וואו ס׳רוט דער פּאָעט.

דאָס האָט ער א הויב זיך געטאָן פון די בלומען,
דעם קבר פאַרלאָזן, איצט איז ער ביי מיר.
אַהער מיט די גייסטער די גרויסע געקומען
איז ער און ער עפנט צום אָפּשיד די טיר.

און דאָ נעבן גאָרדינ׳ען שטייט אַ נשמה
— פאַרצערט איז געווען שוין ביים לעבן דער גוף —
ער איז דער פאַרקערפּערטער האָס, די נקמה
פאַר אומרעכט, פאַר רויב — דער גזר-דין און דער רוף.

און גאַלאָפּ ביי אונז איז געווען זיין נאָמען.
זיין שאָטן באַגריסט מיך, נאָך אימער ניט אַלט,

און נעבן אים זע איך — אַה, הערצלאַך ווילקאָמען! —
אַ ליבלאַכע, הערלאַכע פרויענגעשטאַלט.

*

* *

און דושנע ווערט מיר צווישן אַל׳ אָט־די גייסטער,
משמעות דאָס ווער איך אַ גייסט שוין אַליין,
נאָר קליין בין איך, פּיל איך זיך, צווישן די מייסטער,
אינ׳ם קרייז פון די ריזן אַ מילבעלע, קליין.

דאָך ווילט זיך אָן ווערטער ניט שיידן פון לעבן,
עס בעט זיך אַ לידעלע, עפּעס אַ וואָרט;
ניט־שוין וועל איך אים אָן אָטיעזדנע ניט געבן,
ישראליק דעם פּועל, גלייך דאָ אויפ׳ן אָרט?

נאָר וואָג איך צו זינגען מיט זיי ניט אַרום מיר:
אַ זיפץ אָן אַ טעקסט איז דער איינציקער קלאַנג,
וואָס איך קען אים לאָזן, דעם פאָלק אין זיין קומער,
דער זיפץ — ער פאַרבלייבט שוין מיין שוואַנענזאַנג.

1910.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — פון קלמן מרמר

לידער וועגן לידער

מיינע פאָלקסלידער — — — — — — — — — — 9
לידער פאַר מיר — — — — — — — — — — 10
טרויעריקע מוזיק — — — — — — — — — — 11
פרנסה און פאַרנאָס — — — — — — — — — 12
די מוזע און דער מוז — — — — — — — — 13
איך לעב די פּאָעזיע — — — — — — — — — 14

אַרבעט און נויט

אמת׳ע ליבע — — — — — — — — — — — — 17
צום אַרבעטער — — — — — — — — — — — 18
אַ, טוליע מיך צו צו דיין וואַרעמער ברוסט — — — — — 19
אַ חודש אָן אַרבעט — — — — — — — — — 20—21
אין סלעק־צייט — — — — — — — — — — 22
דאָס ליד פונ׳ם העמד — — — — — — — — 23—26
ביינאַכט אין שטאָט — — — — — — — — — 27—28
דער יתומ׳ל — — — — — — — — — — — 29—30
אָן ערלאָכע באַטריגערין — — — — — — — 31
אַ מיידעלע אין דער סיטי — — — — — — — 32—33
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט — — — — — 34
די אָרעמע מאַריע — — — — — — — — — 35—39
דער אַלטער מאַן און דער נייער יאָר — — — — — 40—41
דריי שוועסטער — — — — — — — — — — 42
דאָס עופ׳עלע אין וואַלד — — — — — — — 43—44
אויפ׳ן סטרענד — — — — — — — — — — 45—46
צו די פאַר׳חלומ׳טע — — — — — — — — — 47
חן־גריבעלאַך — — — — — — — — — — 48
קינדערשע מוזיק — — — — — — — — — 49—50
קליין־עטעלע — — — — — — — — — — — 51
דאָס געשפּענסט — — — — — — — — — 52—56
מרה שחורה — — — — — — — — — — — 57
די וועלט פאַר די רייכע — — — — — — — — 58

צער בעלי חיים — — — — — — — — — — — — — — — 59—60
בלוט־טראָפּנס — — — — — — — — — — — — — — — 61
שטום, טויב, בלינד — — — — — — — — — — — — — 62—63
האַנד און פאַרשטאַנד — — — — — — — — — — — — 64

פרייהייט און קאַמף

אין קאַמף — — — — — — — — — — — — — — — — 67
מיין טעלעפאָן — — — — — — — — — — — — — — 68
עס רירט זיך — — — — — — — — — — — — — — 69—70
די מאַרסעליעזע — — — — — — — — — — — — — 71—72
די רויטע פאָן — — — — — — — — — — — — — — 73
אַ בעזים און אַ קער! — — — — — — — — — — — — 74—75
דער פרייהייטס־גייסט — — — — — — — — — — — 76
צו מיינע ברידער — — — — — — — — — — — — — 77—79
אַ טרויסט־געזאַנג — — — — — — — — — — — — — 80—83
צום „אַרבעטער פריינד" — — — — — — — — — — 84—85
די צוקונפט — — — — — — — — — — — — — — — 86—87
אַ קאַמף־געזאַנג — — — — — — — — — — — — — 88—89
דאָס ליד פונ'ם לוין־שקלאַף — — — — — — — — — 90—93
פאָרווערטס, פאַראויס! — — — — — — — — — — — 94

ל י ר י ק

צו די קלוגע — — — — — — — — — — — — — — — 97
וואָלט איך... — — — — — — — — — — — — — — 98
מיין שבועה — — — — — — — — — — — — — — — 99
עס זעט זיך לאַנד — — — — — — — — — — — — 100
אומגעדולד — — — — — — — — — — — — — — — 101
אָן עצה — — — — — — — — — — — — — — — — 102
פּאַרטיי־פּאָליטיק — — — — — — — — — — — — — 103
איר קענט מיט געוואַלד ניט — — — — — — — — — 104
רעכטס אָדער לינקס — — — — — — — — — — — — 105—106
צעטומלט — — — — — — — — — — — — — — — 107
מיין פּאַר טויבעלאַך — — — — — — — — — — — — 108
נעכטן, היינט און מאָרגן — — — — — — — — — — 109
שטימען אין דער לופט — — — — — — — — — — — 110—112
אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג — — — — — — — — 113—114
אויף אונזערע קברים — — — — — — — — — — — 115—116

בין השמשות געדאנקען

פאר דיר האב איך קיין מורא ניט — — — 119
נישט קשה — — — 120
ווער ווייס — — — 121—122
ניט לאנג... — — — 123
ביידע וועלטן — — — 124—125
מיין איינציקער פארלאנג — — — 126—127

יוגנט חלומות

(ליבע און ליידנשאפט)

פארלארענער גן־עדן — — — 131
מיר קומען צו חלום פארשטארבענע קוסן — — — 132
אלץ וואס דאס לעבן קען געבן — — — 133
איך שטעל ניט א האנט אויס נאך ליבע — — — 134
עס קומט מבקר־חולה זיין — — — 135
גערן וואלט איך ווי שלמה המלך געלעבט — — — 136
ווען איך וואלט געוועזן יהושע בן־נון — — — 137
זיי זייגען זיך דארטן געזעסן די צוויי — — — 138
עס טרעפן זיך, שלינגען זיך ליפן צוויי פאר — — — 139
א, די פוסטע, קאלטע, טונקל־גרויע ווערטער! — — — 140
און ווידער אמאל איז זי שבעה געזעסן — — — 141
זיין וואלט איך א קינדער־קעניג — — — 142
איך ווייס, איך ווייס — — — 143—144
א מורא׳דיקער נול — — — 145
איינציק און אליין, דו שיינע — — — 146
ליגנס — — — 147
ווען א הארץ וויינט... — — — 148
ניט געטריבן האט קאטאוועס — — — 149—150
היינט לעבן מיר — — — 151
לאנגזאם קרוישקעט זיך ארוים — — — 152
מיין חורבן — — — 153—154

פארשידענעס

אין עולם התהו — — — 157—159
נאכ׳ן באנקעט — — — 160—161
דוד׳ס הארף — — — 162—164
פערדינאנד לאסאל — — — 165—171

מאַרקס דער זיגער — 172
פרידריך ענגעלס — 173
נאָך ק. גאַלאָפּ — א סאָנעט — 174
וועגן אים — ק. גאַלאָפּ — 175
צו יעקב גאָרדינ'ס ערשטן יאָרצייט — 177—176
גאָט במקום שכל — 180—178
צו כנסת ישראל — 184—181
למי החותמת? — 186—185
דער אָדלער פליט הויך — 187
„סאַפאָ" — 188
און איצט, אין אַ לאַנגזאַמער גסיסה — 189
אַ מאַמע'ס האַרץ — 190
אַ הספד אויף דאָנאַ בלאַנקאַ — 194—191

הומאָר און סאַטירע

מיין גזר דין — 201—197
רבותי, ווער קויפט? — 202
עשו'ס כוח — 203
דער איד אין דער וועלט — 204
„זשאַרגאָן" — 205
פילאַנטראָפן — 206
גאָט'ס סטראַפּטשעס — 207
„ראַדיקאַלע" פאָלקס־פאַרטרעטער — 208
איש תם יושב אוהלים — 209
עס שטייט געשריבן — 211—210
ווי רייכע לעבן — 222—212
גאָט מאַמאָן — 224—223
בודעל פּאָליטיק — 226—225
רוסלאַנד און פראַנקרייך — 229—227
סענדער און וועלוול — 231—230

אַ ל ע ר ל י י

די פאַרפראָרענע — 236—235
דער לאָנדאָנער „פאָג" — 237
דער בלינדער פידלער — 238
קעגנזאַצן — 239
יעסען־צייט — 240
אַ פּאַק צרות — 242—241
מיין אַמביציע — 243
אַ טיפער, טיפער ברונעם — 245—244
טיף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט — 246
אויף מיין לעבנס־וועג — 247
מיין שוואַנענגעזאַנג — 252—248